STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00544

KREDOS

Jacob Glatstein

Permanent preservation of this book was made possible by
David & Myrna Gross
in memory of
Harry Margolis

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב גלאטשטיין

קרעדאס

פארלאג
אידיש לעבן

Copyright by
VERLAG YIDDISH LEBEN
New York, N. Y., 1929

אינהאַלט:

פון אונדזער יאָך

פאַרזומער — 7
זיבעצן לעוואָנעס — 14
זומער — 16
געגי — 17
אַ געזאַנג — 18
אַ מייסע — 19
מיידל פון מיין דאָר — 20
די פרוי פרעגט — 21
אַ באַרג, אַ הויז און אַן אַלטע
פרוי — 22
מיין כאַוועד — 24
באַלאַדע — 25
פּאָרטרעט — 26
פון אונדזער יאָך — 27
איך קום צו דיר — 30
אונטער פרעמדן דאַך — 31
שיני מייק — 34
אַ ניגן — 38
ניוואָרט — 39
פּאָראָנפּאַנג — 41
ביישפּילן — 44
אַ ליד — 47
אַ קינדערליד וועגן אַלטע לייט 48

שפּיגלקסאַוו

געטרייע זיידעס — 51
סאַקאָ און וואַנזעטים מאָנטיק 52
אייביק — 64
בערנאַרד לואיס — 65
וועגן פרייד — 68
אויטאָביאָגראַפיע — 70
אידישע מעלוכעס — 71
דאָרט וואָ די צעדער — 72
מאַרשאַלקו — 73
דער הייליקער נאַר — 74
דער ריז פאַר מיין הויז — 76
וואָרטפרייד — 77
דיזע פאָלגנדע מענטשן — 78
שפּיגלקסאַוו — 79
טייערע איציקס — 81
אַ שעוואַך — 82

דער באַראָן דערציילט
זיין לעצטע דערפאַרונג — 85

I

פון אונדזער יאָר

[קרעדאָס]

פאַרזומער

אויף דעם אינדזל
וואַלדן ווילדע וועלדער.
קוואַלן קוועלן,
טייכן זינגען.
אַז דער פרילינג קומט
גיט דאָס זומערל
ווי אַ שלאַנג אַ ביס.
גייט יונגזומער ווי אַ שאַדכן אַרום.
נייזומער געוויסערט דעם טייך אַרויס.
ערעווזומער מערן זיך געזאַנגען אין געוועלדער.
קליינזומער גיט יעדן איינעם ווי אַ שלאַנג אַ ביס.
יעדן איינעם, יעדן איינעם,
אויף דעם אינדזל וואו די קוואַלן קוועלן.

א

א ו י פ ז י נ ג

ווען דער מאָרגן זינגט אויף,
זיצסטו שוין אויף דיין אייזל,
און דער פרישער ווינט
קילט דיר דאָס פּאָנים.
אייל זיך ניט ליבסטע אין מארק אריין.
גיב מיר אַ קוש,
וועט עס דיר פאררעכנט ווערן
פאַר אַ מאָרגנטפילע.

ב

צ ו ש פּ י ל

זיי פירן, זיי פירן אים,
דעם שעמעוודיקן כאָסן.
שאַרט ער מיט די פיס
דער שעמעוודיקער כאָסן,
פּלאָנטערט מיט דער צונג
דער שעמעוודיקער יונג.
און דו, מיין האַרץ, זאָג ניט אויס,
ווי ער האָט נעכטן באַנאַכט
מיך דערפרייט,
צווישן די פינצטערע גראָזן.
זיי פירן, זיי פירן אים
צום כאַסענע בעט, דעם שעמעוודיקן כאָסן.

ג

נאַכדענק

מיין כאַוועדס ווייב איז אַ מיעסע.
וואָס אַרט דאָס מיך — זי גליט.
אַרט דאָס מיך ניט און אַרט דאָס מיך
מיין כאַוועדס ווייב מיט די שעמעוודיקע פיס.
מיין אייגן ווייב האָט שיינע אויגן,
טאָג און נאַכט, טאָג און נאַכט.
און אירע פיס זיינען אָפן
און אירע ליפּן צוגעשלאָסן,
ווי די טיר צו מיין כאַוועדס ווייב.
אַרט דאָס מיך ניט און אַרט דאָס מיך,
מיין כאַוועדס ווייב מיט די אומרואיקע פיס.
שטילער, שטילער מיין אייגן ווייב.

ד

מ א נ אָ ט אַ ן

א פּאָלק קרעכצט, אַלאַלאַ, אַלאַלאַ,
א פּאָלק שוויצט און ארבעט.
אַלאַ לאַ, אַלאַ לאַ.
און דער סראָרע פרעסט און זויפט,
אַלאַ לאַ, אַלאַ לאַ.
דער מיזראַך רויטלט זיך פאר בושע,
אַלאַלאַ, אַלאַלאַ.
ווען אונדזער דאַלעס וויינט,
דער פויגל שווייגט, דער טייך שטילט איין
ווען אונדזערע קינדער וויינען,
אַלאַלאַ, אַלאַלאַ.
נאָר דער סראָרע לאַכט
ווען אונדזערע ווייבער מאַכן אים פרייליאַך.
אַלאַ לאַ, אַלאַ לאַ, אַלאַ לאַ.
גאָט איז טרויעריק און אַלט.

ה

נאכט

באַם טויער זיצט אַ מיידל
און האַלט אַ קינד אין איר שויס,
און דער טאַטע בין איך, ביסטו.
און דער מאַן בין איך, ביסטו.
איז דאָס מיידל טרויעריק,
זינגט זי אַ טרויעריק געזאַנג:
אוי, אוי, אוי.
אַז ס'קומט די נאַכט,
שלאָפט איין דאָס קינד.
בלאָנדזשעט דאָס מיידל אויף דער גאַס.
און איר גייט נאָך, איך און דו,
און אירע בריסט זיינען וואַרים,
און דאָס מיידל לאַכט
אוי, אוי, לאַכט זי אַ טרויעריקן געלאַך.

ו

לעוואיעגעזאנג

אָפּגעשיידט זאָל ער זיין.
פירט אים אוועק.
אוועק. אוועק. אוועק.
אוועק פון דעם מארק.
אוועק פון דעם הויז.
אוועק פון דעם ווייב.
אוועק פון דעם קינד.
פירט אים אוועק.
אוועק. אוועק. אוועק.
די זון איז פאר אונדז.
די בוימער, די פייגל.
די שיינע מיידלאך
און די פרישע ברויטן.
פירט אים אוועק.
אוועק. אוועק. אוועק.
ליגט אים אוועק טיף אין דער ערד.
דער הימל קוקט ארונטער אויף אונדז.
באנאכט ועט דעם ווייבס בויך גלוסטן נאָך אים.
אוי ווי טרויעריק דאָס איז.
אוי ווי פריילאך דער טאָג.
אוי ווי פריילאך די קינדער וואָס טאנצן אין גאס.
אוי ווי טרויעריק דאָס איז.
ווי פריילאך דאָס איז.
ווי פריילאך און ווי טרויעריק דאָס איז.
פירט אים אוועק.
אוועק. אוועק. אוועק.

זיבעצן לעוואָנעם

און וויפל קוואַלן האָט אַ שטייגער דיין דערפעלע דאָס קליינע,
קינד מיינס?
גאַנצע זיבעצן. — איז דאָס ניט קיין וואונדער.
ס'איז אַ וואונדער בלויז, וואָס אַז עס קומט אַ לעוואָנע־נאַכט,
שווימען אום דאָרט גאַנצע זיבעצן לעוואָנעס.

אויף דעם גרויסן הימל איין קאַרגע לעוואָנע,
און אונדזער דערפעלע — אַ שפּאַן אויף אַ שפּאַן —
קאָן זיך פאַרגינען
אַז עס זאָלן ארומשווימען
אין זיבעצן קוואַלן
איינע ווי איינע,
גאַנצע זיבעצן לעוואָנעס.

און ווער האָט געציילט, קינד מיינס, די זיבעצן לעוואָנעס?
מיר האָבן זיבעצן הויכע יונגען,
וואָס טראָגן בלויע מונדירן מיט גרויסע קנעפּ,
זיינען זיי וועכטער וואָס וועכטן
אין לעוואָנע־נעכט בא די קוואַלן,
שרייען זיי יעדער איינער פאַר זיך
לעוואָנע — דאָ!

זיבעצן יונגען, זיבעצן מאָל:
לעוואָנע — דאָ!

שטעקן אַרויס די צווייטהאַלבן מענטשן
די קעפּ פון די פענצטער פון די קליינע שטיבלאַך
און לאַכן און דאַנקען וואָס אַזאַ קליין דערפעלע
פאַרמאָגט זיבעצן ליכטיקע לעוואָנעס
און זיבעצן קוואַלן,
בעאיים אויף אַ גרויסן הימל
שווימט אום איין קאַרגע לעוואָנע.
און דאָס איז אַ גרויס וואונדער.
טאַקע, בענעמאָנעס, אַ וואונדער!

ז ו מ ע ר

דער זומער קומט אויף גרינע קוליעס
און בעטלט אוים א פארמעגן פון שיינקייט
און מאכט צערעכט זיין ארים, דורכגעפרוירן הויז.
אז ס׳קומט שפעטער־צו ווערט ער אפילע פויל צו שנארן —
ליגט ער גאנצע טעג א צעכראסטעטער
און ווארימט זיך פארן שוועל פון זיין הויז.
און לעבט אויף גרייטע קאלירן און עסט פארטיקע פיירעס
און ווערט אנשלאפן ביז ס׳פאלט אויף אים א הויפן געלע בלעטער

מיט א געמורמעל:
זייט־זשע מויכל, טראגט זיך אפ.

געגי

אז געגי פילט זיך אויפגעלייגט,
קוקט ער אויף זיינע ווייבער
וואָס געלעגנהייט האָט אים באַשערט,
און טראַכט פון די אַנדערע
וואָס האָבן אים געקענט באַשערט זיין.
ער שפילט פידל אויף זיינע רירעוודיקע געדאַנקען
און קוקט אויף די ליבע פאַרשידנערליי קלוגע שמייכלען,
און זעט אַז ס'האָט דאָס פּאַגאַנישע אין אים
שיר דערפירט צום שענסטן רונדסטן צירקל פון לעבן.
איידלט ער אויס אַזעלכע מאַכשאָוועס וואָס ער שעפּטשעט
צו זיינע ווייבער:
ווי ליב איר זענט מיר.
כאָטש כ'האָב קיינמאָל ניט געזאָלבט מיין וואָרט צו אייך
מיט בוימל.
ווי גוט איר זענט.
קיינע פון אייך האָט מיך ניט געפאַנגען.
אין נאַנטשאַפט מיט אייך האָב איך געוואונען
מיין זינגעוודיקע דערוויטערונג.
דער ליבער יאָך פון אייך האָט מיך באַפרייט פון אַלע אַלן,
און דערפאַר קען איך אַלע פרימאָרגן
אַרומגיין אַ זינגענדיקער פּוסטעפּאַסניק
און זען גאָטס וועלט מיט ווייכע בליקן
און טראַכטן בלעטערדיקע געדאַנקען
פון לידער אין דער ווייטער נאַנטשאַפט.

א געזאַנג

דיין געזאַנג קומט צו מיר אין קליינע כאַלאַקים
דו שפּייזסט מיך מיט אַ קרישקע יעדן פרימאָרגן.
דאָס קאַרגע הענטל דיינס שפּאָרט פאַרזיכטיק דעם לאַבן.
זיי געדולדיק ביז כ'וועל דיר געבן דעם שליסל צום טויער.
בלייב מיר געטריי ביז דעם זומער.

דו זיצסט און וואַרימסט דיינע פיסלאַך באַם אויוון
און קלינגסט זיך צו באַהאַלטן דיין בענקשאַפט פון מיר,
באַלד וועט דער זומער צעשמעלצן זיינע אייזיקע קייטן,
וועל איך עפענען די טירן און דיך אַרויסבאַגלייטן איבער
אַלע שוועלן.
בלייב מיר געטריי ביז דעם זומער.

זומער וועל איך שניידן קליינע פּאָמידאָרן און טראַכטן פון
דיינע ליפּן,
און דו וועסט שפּאַנען אויף די וועגן און זינגען צו יעדן
פאַרבייגייער.
וועל איך באַדויערן וואָס איך האָב מיט אַ שניט דיר ניט
פאַרשענדט דיין פּנים,
אָדער פאַרוואָס איך האָב ניט שווערער געמאַכט דיין וועג
מיט אַ קינד מיינס אין דיר.
בלייב מיר געטריי ביז דעם זומער.

אַ מײַסע

אין הויז איז געװען שטיל װי אין די אויערן באַ אַ טויבן,
װען שאָלעם איז געגאַנגען אויף די שפּיצפינגער אין כיידער באַ זיך
און געהערט װי אין כיידער דערנעבן רופט די קייסערינע
זײַן נאָמען אויף טויזנטער אויפאַנים געצערטלט אין דער שטיל.
שאָלעם, שאָלעמטשע, דער מײַלאַך איז אַװעק אויף יאַגד,
דאַרפסט קיין פּאַכאַד ניט האָבן
קום אַרײַן צו מיר און בלײַב
ביז דעם ערשטן קריי פון דעם האָן.
איר קאָל איז פּייכט מיט טרערן,
איר אָטעם טראָגט זיך
דורך דעם דינעם װענטל צו אים.
ער רײַסט זיך ביז בלוט
דאָס לײַב זײַנס אין װײַטיק,
און בײַסט זיך די בלוטיקע פינגער מיט שרעק,
און פאַרשטאָפּט זיך די אויערן,
און מורמלט אַ פּאָסעק
און טרײַבט װי אַ שװאַרצע קאַץ איר קאָל דורכן פענצטער.
אָבער שטאַרקער פון פּיין און טיפער פון װײַטיק,
ברענט אים דאָס לײַב איר קאָל פּײַכט פון די טרערן:
שאָלעם, שאָלעמטשע.
און אַזוי אויף טויזנטער אויפאַנים פאַרװײַטיקט אין דער שטיל.
אויף טויזנטער אויפאַנים געצערטלט אין דער שטיל.

מיידל פון מיין דאָר

צווײמאָל בלאָ און קילעכדיק —
פאַרהױכטע שפּיגלען פון אַ נעשאָמע
וואָס קיינער וועט קיין נאָר ניט זיין צו פאָרשן און דערגיין.
אַ שאַרפער רויטער פּאַסאַך שטרייכט אונטער:
דאָ רוען וערטער, צונג און ציין
מיט אַ באַלאַסט פון נאָבעלע מעטאַלן.
אַרום האַלדז ווייסע פוטערוואַרג.
וויל איך — געדעכעניש פון ווייסן לאַם און פּאַשע,
און וויל איך — וואַלד און ווילד און פאַנג און יאַגד.
איך וויל גאָרניט, נאָר איך קוק
אויף דעם בלאָען סאַמעט וואָס הילט אַנדערטהאַלבן מאָל
דעם דינעם קרומגלייך וואָס פאַרמאַגט
(דער טייוול ווייסט ווי אַזוי)
אַלץ וואָס אַ פרוי דאַרף פאַרמאָגן.
(וואו זיינען די רונדע, באַרואיקטע ליניען און פאַלדן,
וואו קיעטס און שעלי און בייראָן האָבן באַהאַלטן
אַזוי פיל אומרו פון עטלאַכע דוירעס צוריק?)
וואו זאָל איך מיין אומרו באַגראָבן,
סיידן צווישן די איבערגעקרייצטע דינע שטאָלצן וואָס רייצן
מיט שוואַרצע סאַמעט-שיכלאַך.
פאַררויכער אַ ציגאַרעטל, מיין לעבן, און זאָג ניט
אַז דו ווילסט לאָזן דערשיסן דיין אומשולד.
דיין יעגער מיט דעם פייל און בויגן לאַכט שוין לאַנג פון מיר.
שפּיגל אָפּ אויף דיינע בלוטיק-רויטע נעגל
פּאָר אַ רעגע בלויז מיין קיל געשטאַלט.

די פרוי פרעגט

דורך דוירעסדיקן רויש פון געשיר און טעמפּן קיך־גערוך
און פאַרשאָלטענע צערטלאַכקייטן וואָס וואַקסן ווי געשווילאַכץ
אין דעם ווייב וואָס מאַמעט זיך און שטיקט זיך מיט ליבעס אַלערליי,
וואָס דער באַשעפער האָט אָנגעהאַנגען ווי די שווערע בריסט
אויף צו טראָגן אַ לאַסט דורך לעבן לאַנג.
דורך דעם שווערן נעפּל וואָס טיילט אָפּ פון אַלץ
וואָס געשעט אין דער וועלט וואו מאַן איז קעניג,
גענעראַליסימאָ, זעלנער און דיפּלאָמאַטישער אינטריגאַנט,
גייט אויף אַ שטילער, דינער רעוואָלט.
די פאַריאָכטע האַנט קלינגט מיט גאָלדענע קייטן און בראַסלעטן
און דער פאַרטעמפּטער ליבער מויאַך פרעגט:
מיין טייערער, וואָס איז געשען היינט און נעכטן און פאַריאָרן.
דער רויש פון זיידנצייג פלאַטערט,
לאַנגע אוירינג מאַכן אַ קלוגן אָנשטעל
און געשוירענע קעפּלאַך דעבאַטירן צערטלאַך,
און דער גענעראַליסימאָ כאָלעמט
פון אַ קיך, פון קלינגענדיק געשיר,
פון ווייכע הענט אַרום האַלדז
און פון הויזן וואָס זיינען אייביק צופרידן.

א בארג, א הויז און אן אלטע פרוי

ניט פון כאָכמע און ניט פון נאַרישקייט,
איר לייבלאַכער שוועסטער —
האָב איך געטראַכט ווען די אַלטע פרוי
האָט שטאַלץ א טאַנץ געטאָן מיט דעם קאָפּ,
ווי א דערפאַרענע הון.
— איך האָב אויפגעהאָדעוועט ניין קינדער,
גאָט צו דאַנקען, און צו דער שטאָט ניט אָנגעקומען.
דאָס ערדענע פּאָנים האָט געשמייכלט א בייזן שמייכל
און איך האָב געטראַכט פון גאָטס מאַיסים און פון א מאַן,
און פון דעם אז איר בויך איז אויפגעגאַנגען
גאַנצע ניין מאָל.
און וואָס קאָן דאָ זיין א רייד פון נאַרישקייט
אָדער וואָס קאָן דאָ גילטן כאָכמע.
אוואדע, האָב איך געזאָגט, האָט די שטאָט
טויזנט טויטן פאַר קליינע קינדערלאַך.
איך האָב זיך פאַרטראַכט און געזען —
דריי יונגען שטייען און זעגן א גרויסן בוים,
דריי פאַרזעצן קאַרטאָפליעס אונטער א פלאַקערנדיקער זון
און דריי לויפן באָרוויס ארום הויז ווי קודלאַטע הינט.
— אז ס'איז גאָטס ווילן קומט דאָ אויך דער טויט —
האָט די אַלטע פרוי געזאָגט מיט א פינצטער פּאָנים, —
מיך האָט ער באַזוכט גאַנצע זעקס מאָל.
יאָ, איך האָב בייגעטראָגן מיין כּײלעס פאַר דעם קליינעם בעסוילאָם
און ער מאָנט נאָך און וועט עס עפּשער קריגן.
איינער לײדט פון א שוואַך האַרץ.

דעם צווייטן פרעסט אויף די שווינדזוכט
און באַם דריטן שלאָפט דער קאָפּ —
זי האָט געטייטלט מיט דעם פינגער אויף איינעם
וואָס האָט געטראָגן אַ גרויסן קאָפּ אויף די פּלייצעס,
געשיילט קאַרטאָפליעס און געלאַכט.
עס האָט אַ שמעק געטאָן מיט אָפּגעשניטן גראָז
דורך דעם פענצטער,
און מיט אַן אַראָמאַט וואָס האָט פאַרשיקערט האַרץ און קאָפּ
און געגעבן אַזוי פיל ווייטיק און פאַרגעניגן.
עפשער איז דאָס געווען דער מאָנענדיקער רייאַך
פון דעם בעסוילאָם
וואָס ליגט ניט ווייט פון דער שטאָלצער מאַמעס הויז.
איך בין אַרויס אַנטקעגן דער זון
מיט אַ פאַרמעגן פון פלאָנטערדיקע ווערטער —
שטאָט, דאָרף, בעסוילאָם, מאַן און גאָטס מאַיסים
און אַ שטאָלצער בויך וואָס איז אויפגעגאַנגען
גאַנצע ניין מאָל.
איז דאָס דען פאַר מיר צו זוכן דעם סייכל פון זאַכן?
מיינע ליבע פריינט, גלויבט מיר,
איך האָב געשפּאַנט ווי אַן אָקס איבער די פעלדער
און געטראַכט ניט פון כאָכמע
און ניט פון נאַרישקייט, איר לייבלאַכער שוועסטער.

מיין כאַוועך

מיין כאַוועך לעבט אַ צופרידן לעבן.
ער האָט אַ ווייב וואָס האָט אים ליב,
דריי בלאָנדע קינדערלאַך,
אַ ווינטערהויז און אַ זומערהיים,
געלט אויף זיך ארויסצוהעלפן אין אַ נויט
און גרייטע שפּרוכן פאַר דער זיכערקייט
פון עטלאַכע צענדליק גליקלאַכע יאָר.
און מיך פרעסט אויף די קינע טאָג איין, טאָג אויס.
מיין זיכערקייט איז אַ פּאַפּירענע בריק איבער די יאָרן,
מיין איינזאַם לעבן פירט מיך שטענדיק
צום גרוב פון אונטערגאַנג.
אָפּטמאָל שיקער איך זיך אָן
און שיקערערהייט פאַרפיר איך מיין כאַוועכס פרוי,
ווער אַ פאָטער צו זיינע קינדער,
און רינגל זיך ארום מיט דער געגאַנוועטער ליבע און
וואַרימקייט.
אָבער עפּטער פּאַסירט איך ניכטער זיך אויס
נאָך אין מיין כאַוועכס בעט.
קוש איך מיין כאַוועכס ווייב מיט אַזויפיל ווילדקייט —
מיין נעקאָמע און מיין קינע.

באלאדע

שיסט מיר אָפּ, כאַווירים מיינע,
די פּיס וואָס זיינען אַנטלאָפן,
אָבער שיסט מיר ניט אין קאָפּ
וואָס טראַכט איצט פון שוואַלבן אין א נעסט.
אַזוי האָט ער זיך געבעטן
ווען מען האָט אים באַגינען ארויסגעפירט
אויפן ברייטן סקווער.
ער האָט ניט געוויינט, נאָר געצופּט זיך דאָס בערדל.
שוינט — האָט ער גענעבאַכט — האָט ראַכמאָנעס
אויף א מענטשנס א קאָפּ.
אָבער צוואַנציק ביקסן האָבן ווי איין זאַלפּ
צעשאָסן דעם קאָפּ וואָס האָט זיך געמאַטערט
צו כאַפּן דעם מיין פון וואָרט —
דעזערטירער.
און איך וואָס בין געווען איינער פון די צוואַנציק ביקסן
האָב לאַנג געוואַנדערט און געפונען זיין נעסט.
איך האָב געגלעט דריי קינדערלאַך איבער די קעפּלאַך
און אין האַלדז ביי מיר געהאַלטן געפאַנגען
מיינע טרערן.
א הויכע, שוויַיגנדיקע פרוי מיט אַן אויפגעהויבענעם בוזעם
האָט געוואָרט אויף מיינע ווערטער.
אוי, צי האָב איך איר געקענט דערציילן,
און מיט וואָס האָב איך זיך געקענט רעכטפערטיקן,
אַפילע ווען איר מאַן איז געווען
א דעזערטירער.

פּאָרטרעט

יונגערהייט האָט ער די גאַנצע קיילעכדיקע ערד
ווי אַ קרישקע געהאַלטן בײַ זיך אין טאַש.
ער האָט אַלכעמיש געמישט דעם טרויער מיט דער פרייד
און געזופּט פון דעם וואָוילטאָג וואָס איז אים געווען באַשערט.
דאָס וואָרט זיינס איז געווען רונד און שווער מיט באַדייט
און אַ שליסל איז דאָס געווען צו די אַלסטע פּלאַנטערנישן,
פון דעם צווישנשפּיל אין קערפּער מיט דעם באַהאַלטן ליכט,
וואָס אַפילו ער האָט שטאַמלענדיק גערופן גייסט.
און איצט שטייט צווישן אים און זיך
אַ שווערע וואַנט.
און גרייכן קען ער קיינמאָל ניט צו זיך
מיט וואָרט און קלאַנג.
ער האָט געמיינט אַז ער געוועלטיקט כאָטש
איבער זיך אַליין —
איז ער געוואָרן זיין אייגענער דעספּאָט,
איז ער געוואָרן צו זיך אַליין אַ שטומער געץ,
און געבעטן גנאָד האָט ער פון דעם
וואָס שפּאָט פון אים דערפאַר
ווייל ס'איז בלויז שאָלאַכץ אים באַשערט.
און געבליבן איז אים די טרייסט צו יאָמערן פאַר דער
אייגענער וואַנט,
און ליאַרעמען פאַראיינזאַמט ווי מאַרגנראָד אויף שטיין.

פון אונדזער יאָך

דאָס לעצטע ווענטל צווישן אונדז איז געפֿאַלן
און איך האָב געזען, אַז זי איז ניט צויבערלאַך.
איך האָב געהערט דאָס וואַקלען פֿון אירע רייד
און ניט געבענקט נאָך כאַכמע.
און דאָך, גראָד איצט,
האָב איך מיט זיכערע הענט
אַליין געשלאָגן שינדלען
אין דעם דאַך איבער אונדזערע קעפּ.
איך ווייס שוין אַז זי איז ניט די אַנדערע
וואָס איך האָב אַרומגעזוכט.
פֿאַר איר האָב איך קיין נעצן ניט געשפּרייט.
וואָס פֿאַר אַ יעגער קען איך, משטיינס געזאָגט, זיין
מיט דעם פּאַק פֿון אויסגעקליגטע יאָרן.
זי איז אַליין צו מיר געקומען.
און דאָך איז מיר גוט איצט
וואָס מיר האָבן איינס דאָס אַנדערע געוואונען.
און אַז זי איז אַליין צו מיר געקומען
און געזאָגט:
איך בין ניט צויבערלאַך
און ניט קלוג
און איך דאַרף ניט די אַלע סטימולן
קעדיי צו וועלן לעבן.
איך ווייס אַפֿילע אַז מיין לייב ווי דיינס
איז אַביסל אָפּגעטראָגן,
און איך האָב אויך ווי דו שוין
אַ דריי־פֿיר כאַלאָסן

וואָס קיין פּערפומען קענען ניט פאַרווישן.
עס איז דער קערפּער — גוף.
און דאָס וואָס איז בײַ מיר אַנדערש ווי בײַ דיר
ווערט אַנדערש בלויז דורך דיין באַריר.
ווייל פאַר זיך זיינען די בריסט ניט קיין בריסט
און דאָס גאַנצע ביסל מיידלשע קלאַפּערגעצייג
ווערט מיידלש בלויז מיט דיר.
איך האָב די פּאָשוטע רייד געוואויגן און געמאָסטן.
איך האָב געוואָלט זען וואו ליגט אין אירע ווערטער
דאָס געהיימניספולע און פאַרבאָרגענע
וואָס קען נאָך שפּייזן מיין באַגער נאָך איר
און אירן צו מיר.
אירע רייד זיינען געווען סקעלעט,
אָן באַפּוצונגען פון פלייש און אָדערן
און ווי האָב איך שוין געקאַנט רעדן צו איר
וועגן „זיי אַ מאַמע מיר אָדער אַ שוועסטער“.
טויזנטער לידישע לידער האָט זי פאַרלייקנט מיט אירע ווערטער.
און דאַך בין איך אַרויף אויף דעם דאַך,
און אומעטום פאַרריכט אַז דער רעגן זאָל ניט דורכנעצן
און געטאָן עס מיט פרייד
וואָס נאָך אַ מענטש איז מיט מיר.
און ווען איך האָב געשלאָגן די שינדלען

האָב איך געטראַכט
אַז ווי נאָענט מאַן און ווייב זאָלן ניט שלאָפן
זיינען זייערע כאַלוימעס פאַרשידן.
אין שלאָף זיינען זיי עלנט
און שליסן אוים איינער דעם אַנדערן.
איך האָב צו זיך געזאָגט:
ווען איך וועל אַרונטער פון דאַך
וועל איך עס איר זאָגן און גוט באַטראַכטן
וואָס אירע אויגן וועלן ענטפערן.

איך קום צו דיר

שלאנקע, מיטליעריקע פרוי,
היט זיך פאר דער נאכט
וואס באשרייבט דיין פאנים מיט יארן.
כ'האב דיך געזען א פארפלאנטערטע הירשין
אין די צווייגן פון דער גרויסער שטאט.
איך האב דיך געפירט צו א בעט און געזאגט:
דער גאט פון מיטליעריקער פארשטענדיקייט
זאל היטן דיין יעדן באוועג,
זאל דיר ביישטיין אין דיין גרויסער גענייטקייט.
ביי ווענען האב איך נאך געזען אזא בלוטיקע מילכאמע
צווישן עלטער און קינדישקייט ווי אויף דיין געזיכט.
דו נארישע קעמפערן, איך קום צו דיר,
צו דער פריסטערן פון פארשטענדיקייט,
און שפיל זיך מיט דיינע קלוגע רייד און נאך ניט אפגענוצטע פים,
דורך דער גאנצער נאכט וואס שמינקט דיין פאנים מיט יארן.
אינדערפרי האב איך אומזיסט געזוכט ווערטער
וואס לאזן זיך מאלן אויף ראז פאפיר.
אז איך וועל געפינען וועל איך עס דיר צושיקן
און דו וועסט עס באהאלטן אין א בוך פון לידער
לעבן פארטריקנטע בלומענבלעטלאך פון ערשטער ליבע.

אונטער פרעמדן דאַך

אונטער פרעמדן דאַך און אין שויץ פון פרעמדע ווענט,
בין איך געזעסן און אַ פאַרלוירענער געקוקט
ווי אין מיין שויס זיינען געפאַלן ברעקלאַך
פון אַ פרעמד לעבן.
צוגעוואָרפן האָט זיי מיר אַ האַנט מיט דינע, לאַנגע פינגער —
אַ נַאַכלעסיקע, גוטע האַנט —
ווי מען וואַרפט צו אַ קלוגן פעטער אינטימיאַ
אויף יאָ אָדער ניט צו הערן אַ ראָט פון אַ געזעצטן מענטשן.
זי האָט געוואָרטערט וועגן דער גרויסער ליבע פאַר איר מאַן,
וועגן דער ליבע וואָס ברענט איר פון די שפּיצפינגער פון די פּיס
ביז די גרויסע שוואַרצאַפּלען,
וועגן דעם וואָס עס פירט זי צום ברעג פון געפאַרן
און ניכטערט זי אויס און וואַרפט זי צוריק
אין די אָרעמס פון אים,
וואָס געוועלטיקט איבער די ווינקעלאַך פון הויז,
איבער דעם אָרימען טיש און צובראָכענע שטולן
און איבער איר ווי אַ טייל פון זיין גאָטגעבענטשטער אָרימקייט.

זיבעצן שלייערן האָב איך געשלעפּט פון אירע כיינעוודיקע רייד
און זי איז אַלץ געשטאַנען פאַר מיר
לאַנג און הויך אין איר קימאָנע.
איך האָב פאַרנומען דעם מידן שלעפּ פון זיינע שטעקשיך
איבער די פיר איילן פון הין־און־צוריק
און געהערט די מוזיק פון פאַרהייראַטקייט;

די קאַרגשאַפט פון געהערן און פאַרמאָגן
און די ענגשאַפט פון אַ בעט פאַר צוויי
וואָס זינגט שטיל אַ ראַפּסאָדיע פאַר דערוואַקסענע —
און געוועזן איז ער ווייט אַוועק,
אָבער די טריט זיינע אַזוי קענטיק
איבער זיין קעניגרייך,
אַז מיר ביידע האָבן געהערט דעם פלאַטער פון זיין שלאָפראָק

כּאַדאָשים זיינען אַזוי אַוועק —
איר ליבע פאַר אים איז געוואָרן געוואוינהייט ווי אַ הויקער
און עפשער איז דאָס געווען דער הויקער אויף מיר
ווען איך בין געזעסן ווי אַ פעטער גאַלעך
אַנטקעגנאיבער און געהערט אירע רייד.
פון שלאָפצימער־געזאַנגען האָט זי געשפּונען רייד פאַר מיר.
און ווענמענס קנעכט בין איך דען געווען,
ווען זי האָט מיר ווידער מיינע אויערן דורכגעבויערט
מיט איר גליענדיקער אָדע צו אים?

צווישן אונדז האָט אָנגעהויבן צו טונקלען.
לייז מיך אויס, באַפריי מיך פון מיין ליבע צו אים, —
האָט זי מיר געוואָרפן אין פּאָנים
צום ערשטן מאָל.
אַ שליידער געטאָן מיט פאַרוואורף
אַז דער זילבערנער ציילעם וואָס האָט געקילט מיינע גאַלאָ־
בישע קליידער

איז צעשמאָלצן געוואָרן.

און איך האָב איידל אַרונטערגענומען
די לעצטע דינע היל פון אירע רייד.

זי האָט געקניט אונטער דעם יאָך
און געשלאָסן די אויגן פון פאַרמאַטערטקייט.
(האָב איך געטראַכט פון רייד און זיגזאַגן
און שטיינדלאַך וואָס פאַלן אין וואַסער מיט אַ פּליעסק?)
זי האָט זיך געוואַלגערט אַ נאַקעטע
און אין איר פרייד האָט זי דאָסמאָל
פון איר ליבע געמאַכט דינע ריטלאַך
און זיך געבייטשט.
אַ לאַנגער, שטומער וויאָלאָנטשעל איז זי געלעגן אויפן בעט.
און מיר דוכט זיך אַז איך האָב געטראַכט פון סטירעם
און פון אייביקער געטריישאַפט צו
טריט, טריט, טריט.
וואָס געוועלטיקן ווען זיי זיינען ניטאָ,
ביז מעשוגאַס איבער דעם צעבראָכענעם טיש,
איבער די פּאָר בענקלאַך,
איבער דעם גאַנצן ביסל אָרימקייט
און איבער דעם וויינענדיקן וויאָלאָנטשעל
וואָס וואַלגערט זיך אויפן בעט.

ש י נ י מ י י ק

I

שיני מייק שלאָפט אין אַ בראָנזענעם אָרן.
עס וויינט נאָך אים אַ מעלוכע פון צוועלף בלאָק
און דער מאַמעס שייטל און דעם טאַטנס אַלטע באָרד.
פאַריאָסעמטע יונגען שטייען בײַ די ראָגן
און קנייטשן ציגאַרעטלאַך מיט ציטערדיקע, דינע פינגער.
שטייט אַ יונג בײַם ראָג מיט דעם קאַפּעלושל אָן אַ זייט
און שפּייט ווייט אַ דינעם שפּײַ.
אויפן ברוגעם פון טרערן ליגט אַ האַרטער, שווערער שטיין,
אָבער ער ווייסט אַז שיני מייק שלאָפט איצט
אין אַ בראָנזענעם אָרן.
דער שרעק און דער היטער, דער מיילאַך און געביטער
פון אָרום און אַרום צוועלף גאַנצע בלאָק,
ליגט אויסגעפּראַנטעוועט און שלאָפט.
דער מאַמעס שייטל יאָמערט אים נאָך אַ זכוס,
אַז ער האָט אַלטע טאַטע־מאַמע
ניט געלאָזט פאַלן מענטשן צו לאַסט.
און דעם טאַטנס באָרד איז פאַרשעמט אויף די עלטערע יאָרן,
ווײַל אַלע, אַלע וויסן פון אָרום און אַרום די צוועלף בלאָק,
אַז שיני מייק איז געפאַלן און שלאָפט איצט
אין אַ בראָנזענעם אָרן.

II

שווערע שלעפשיפן שניידן דאָס קויטיקע וואַסער,
שטינקענדיקער רויך פאַרסאַזשעט די דעכער
אויף די הייזער פון דעם פיצל וועלט.
דאָ, אויף דעם דאַך האָט ער דאַך דעם כאַלעם פון זיין
קיניגרייך דערזען.
די ציטערדיקע וועש אויף די שטריק
זיינען געווען זיינע לאַנען,
ווען אונטן האָט דער טאַטע מיט האַלב־בלינדע אויגן
איבער אַ פאַרפעצטן סייפער
געלערנט מיט קינדער דעם טייטש
פון שולכאָן — אַ טייבל און קיסיי — אַ טשער.
אָ, די מאַמע האָט געוואוסט איר בראָך,
אַז ס'קלעטערט איר קינד שנעל די לייטער,
פון קעשענע גאַנעוו צום סאַמע שפּיץ,
צום גרויסן סראָרע, מיילאָך און באַפעלער,
איבער די גאַנצע אָרום און אָרום צוועלף בלאָק.
די אָוועס, די פרומע וואַסערטרעגער און פאַרגרעבטע
גאַטפּאָרכטיקע קאַצאָווים,
זיינען פאַרבליבן אויף די בעסאַלמענס פון יענער זייט.
האָבן זיי זיך ניט געמיט,
ווען דער טאַטע מיט די רויטע אויגן האָט בעהאַרכאָוועדיק
באַזעצט דעם דאַלעס אין הויז מיט זיין געזאַנג —
אוי, שולכאָן — אַ טייבל און קיסיי — אַ טשער.

III

ווי אזוי האָט ער אויסגעכּאַלעמט זיין מעלוכע.
ווי אזוי האָט ער געוועלטיקט.
ווי אזוי געהערשט.
ווי אזוי האָט ער פאַראונטערטעניקט,
ווי אזוי פאַריאָכט
זיין פּיצל וועלט ביז אפּילע
צום הויז פון געזעץ מיט דער גרינער לאַמטערנע.
דער מאַמעס פאַרזשאַווערטע בענטשלייכטער,
דער אָרימער שאַבעס אין הויז,
די פייכטע ווענט,
דעם טאַטנס באָרד און דער מאַמעס שייטל
האָבן זיי דען געוואוסט אז אונטער איין דאַך
וואוינט א קעניג,
וואָס האָט געקעניגט און געקעניגט, געשאַלט און געוואַלט,
ביז ער איז געפאַלן פון א סוינעס האַנט.
ווער האָט איבערגעריסן די דינאַסטיע?
שיני מייק ווייסט, אָבער מען טאָר ניט דערציילן,
שיני מייק שמייכלט אין בראָנזענעם אָרן.

IV

ווי"ל מוט פֿאַרמאָגט אַזאַ דינער קערפּער,
ווי"ל קראַפֿט אין פֿאַרשלאָסענע ליפּן,
ווי"ל אַקשאָנעס אין שטאָלצע פֿיס
צו קומען שווייגן, שווייגן, שווייגן
צוקאָפּנס דעם שווייגנדיקן קאָפּ.

לאָזט זי צו צום בראָנזענעם אָרן.

אָ. אויף איר יונג און גליענדיק לעבן
איז ער געווען דער איידלמאַן,
דער רייטנדיקער ריטער,
דער טעמפּער יונג, דער שיקער,
וואָס האָט געוועזעט קאַאַס
און פֿייערדיקע רייד.
ווי"ל אַקשאָנעס דורכצוגיין אַלע רייען
און קומען שווייגן, שווייגן, שווייגן
צוקאָפּנס דעם שווייגנדיקן קאָפּ.

לאָזט זי צו צום בראָנזענעם אָרן.

אַ ניגון

געפֿלויגן, געפֿלויגן צווישן נאַענט און ווייט
אַ יונג אַ בלאָנדער מיט פֿאַווישן שטאָלץ
און געבראַכט אַ זאַקן און אַ זויגלינג,
אַן אַדלער און אַ פֿליג,
אַ געשאַנק פֿון דער נאָענט און אַ טרייסט צו דער
ווייטער און ווייטערער ווייטערע ווייט.

זינגען געזאַנגען אין ציטער פֿון טרייסט
פֿון יאָר וואָס איז טאָג,
פֿון רוים וואָס איז שפּאַן,
פֿון אַלץ וואָס איז צייט,
פֿון איך וואָס איז דו.
און דער יונג, דער בלאָנדער, ווייַנט מיט בליקן צו דער
ווייטער און ווייטערער ווייטערע ווייט.

קאַטאַלאָגירן אַלץ וואָס איז אומפאַרשטענדלאַך וואָלט איך
מיט דעם פלאַטער פון אַ וואָרט.
יענעמס פענצטער און יענעמס טיר.
דאָס ווייב זיינס צו אים און מיר.
פלייש און ביין וואָס רייצט.
די קראַנקהייט וואָס אַנטבלויזט
די זינלאָזיקייט פון פּיס און הענט.
די פרייד פון דערוויילו און דעם צאַפּל פון דעם צופאַל
אין דעם וויסן פון דעם סאָף.
פאַרשרייבן אַלץ וואָס איז אומבאַגרייפלאַך וואָלט איך
מיט דעם גלי פון אַ וואָרט.
אָבער מיט וועמענס וואָרט —
מיט טאָלסטאָים פון איוואַנעלע דאָס נאַרעלע,
מיט דעם קלאָרן פליעסק פון אורפאַרשטיין,
מיט דעם צוטריט צו דעם אַנטפּלעק,
מיט דעם שאָס פון קליינגעווער,
מיט דעם וואָרט אויף וואָרט אין זאַץ.
צי מיט דזשאָיסעס פאַרפלאָנטערצוויבער פון דעם אורגעהיים,
מיט דעם פאַרשטיין פון אומבאַגרייף,
מיט דעם קנאַל אין זומפּ פון שפּראַך,
מיט דעם באַלעם פון וואָרפאַרטרוים,
מיט דעם פלוס פון ניין מיט ניין,
מיט דעם אָנהויף פון אַלץ וואָס איז נישט
(אויף אַלץ וואָס איז)
מיט דעם אַנזאַמל פון בוך און שטיין,

מיט דעם פאַנאַנדערלאָך פון וויסנגליק,
פון גליק פון ווייס פון ווייסנשוואַרץ,
פון שוואַרצגעהיים פון פינצטער ביז
גאָרניט איך ווייס גאָרניט איך זע גאָרניט איך פאַרשטיי.
אַלץ איז ניי פאַר וואָרט און ליים.
אַלץ איז קלאָר און אַלץ געהיים.
אַלץ איז וואָרט וואָס האָט נאָר קלאַנג.
אַלץ געזאַנג.
אַלץ פאַרשטאַנד וואָס האָט וואָרט מיט וואָרט
געפּאָרט מיט כיין.
אַלץ איז מיין
און אַלץ איז ניין
קאַטאַלאָגירן וואָלט איך דאָס אומפאַרשטיין
מיט דעם פלאַטער מיט דעם גלי פון אַ וואָרט.

פ אַ ר אָ נ פ אַ נ ג

מעטאַלשווער איז לופטגעזאַנג פון פלי
פון מענטש וואָס זינגט אַרויף און זינקט אַראָפ.
ס׳צאָרנט דער אויבן אַ באַזיגטער איבער אונטן
און עלעמענטן פאַראיינט בונטן
קעגן געדאַנק פערפענדיקולאַריש צום הימל.
די נייגיר שווערט געווענדט צום געהיים איז צווייישאַרפיק
און שניידט דערווייל דעם ווילוויסער
וואָס זשאָנגלירט מיט איצט און מיט שפעטער
און שטעלט איין אַלץ אין קאָן קעדיי צו קומען צו ערשטצאָל
וואָס איז ערשטפינטל וואָס איז אָנפאַנג
פון דעם קיילאַך נאָך איידער שעטאַכצייט.
געדאַנק וויל זיין באַם פאַראָנפאַנג.
צוריק באַם אָרט וואו געדאַנק האָט זיך געוויגלט
און אָפגעשפיגלט אַלץ און אָפגעוואַנדלט און פאַרגעסן
און זיך איבערגעשאַפן מאָל מילימיליאַסן
פון בוים ביז קאָליר.
זיך צעבלומט און פאַרשווענדט און צעפיצלט,
זיך צעיאַמט און צעשטערנט,
זיך צעקרייזט און צעפלאַכט
און אָפגעבלאָנדזשעט פון פאַרערשט
ביז דעם אייביקן געוויין פון סאָפעק
פאַר דעם נאָכסאָף.
און אין וויפל שפראַכן צונגט דאָס טראַכטעניש
וואָס גאַלאָפירט צוריק צום אָרט
וואו עס האָט אַלץ אַליין געאורזאַכט.
אורזאַך געבערט אורזאַך און אורזאַך געבערט אורזאַך

געבערט אורזאַך געבערט אורזאַך
און עס בענקט פאַרגעסעניש נאָך פאַראורזאַך.
יעדעס פּיצל לעבן האָט פאַרגעסעניש געמאַטערט מיט
פאַרוואָסן

און עס פאַרלאָשן און אָפּגעוואָרפן
פאַרקערפּערט גייסט און פאַרגייסטיקט קערפּער,
ביז ס'האָט יעדעס פּיצל געעגאָט פאַר זיך אַליין
און געמיינט עס איז און געוויינט אויף דעם
וואָס עס האָט געמיינט אַז עס וועט ניט זיין.
און פון אייגענעם ריף זיך באַשאַפן אַ קעגן
און אויסגעבאַלעמט אַ דראַמע און טראַגעדיע
פון די קעגנס.
געקינדלט
געעלטערט
פאַרשוואונדן
געוועזן
געוועזן
פאַרשוואונדן
און פאַרשריבן
יעדן פּאַסיר
און פאַרקריצט
יעדן בוים
און באַצייכנט
יעדן בלאַט.
דער אויף דעם בעט און דער אויף דעם הארטן שטיין,
דאָס זייד און די גראָבע מאַטעריע,
די טישן מיט אַלדאָס גוטס,

און דער איינגעשרומפּענער הונגער,
איך און ער און דו און זי
(זי וואָס איז אימס און זי וואָס איז אַ סאַכס) —
דער פינגער ווידערהאַלעט דעם זעלבן נאַרנשפּיל
פון פּראָבלעמל אין בויך פון פּראָבלעם.
און אַלץ בענקט, שטוינט און זינגט אַרויף,
וויל זיך צוזאַמענזינגען,
זיך געפינען און זיך אויסקנוילן,
זיך אויפסנייַ באַנייען,
זיך אויסטראַכטן און זיך דערמאָנען.
און אַלץ זינקט אַראָפּ —
וועלטן פלאַטערן אַרום זיך
אין בענקשאַפט נאָך אָפּשטעל,
נאָך רו.
נאָך נאָכנישט געוואָרן.

ב י י ש פּ י ל ן

איך האָב קיינמאָל ניט געזען
ווי שעפּסן קוקן אוים ווען זיי טרויערן;
און טויבן ווען זיי שטרעקן די העלדזלאַך צום שויכעט;
און דעם צאַר אין בלומען ווען זיי וויאַנען.
אָבער ווייסן ווייס איך פּאָרט אַז מיט אַ וואָרט
קען איך זיך דערשרייבן און דערזינגען
צום טרויער־פאַרגעניגן פון דעם מינדסטן גרעזל.
און ווען אַ לעזער זאָל דאָס דאַווקע וועלן באַשטעלן,
קען איך, אָדער מיינער אַ כאַוועך, מאַכן אַ פאַרנאַכטלאַכע
מינע
און באַשרייבן דעם נאַקטורן פון דער שטומסטער זאַך,
און אַליץ צוליב דעם צערטלאַכן פאַרגעניגן
פון דעם ליבן לייענער,
וואָס וויל הערן די שטילסטע געוויינער פון גאָר דער וועלט,
קעדיי צו פאַרשטיין, צו לערנען און באַלערנט צו ווערן;
און ציען שלוסן פאַר דעם דאָר
און די דוירעס וואָס ער אַליין האָט נאָך באַם פאַבריצירן.
און ווען איך זאָל כאָלילע אין מיטנדערינען
פרואוון געפינען דעם געוויין פון ווערטער און דעם טרויער
פון קלאַנגען

ווי צומביישפּיל:

דער זומער איז שוין זאַלבעפּייגל
אָפּגעפלויגן פון דעם וואַלד,
אין די נעכט ווי שווערע האַמערס
מיט צויבער פאַלן אויף שטומער שרעק;
שוידערניש וואָגלט צווישן בוימערביימער.

און עפּעס נאָך אין זעלביקן פּאַסאַן.
אָדער:

פּאַרזעגלט אין הערשנהערנער
ליגט פאַרזיגלט וואַלד פאַרצווייגט;
שטילער מילדער וואונדער בליקט פון דערנער;
שטעכיק־ליב דאָס גלאַטע לייב,
מיט זומער קלאָען אין קאַלטע טייכן
שעמעוודיקער פליעסק וועקט אויף דעם טאָג
און עס ווערט דער הערש פויגלצערטלאַך,

און נאָך ווייטער אין דעם זעלביקן שטייגער.

מיין לעצטער לעזער איז געווען אַ פאַרזיכעראַגענט מיט אַ בוימלדיק בייכל,
וואו איינגערעדט־פאַרשוואַנגערט איז געוואָקסן די ליבע צו מאָדערניזם, מיסטיציזם און גאַליציאַנער דאַדאַאיזם;

און ווי וואויל ער האָט מיך געכּאַוועט
און פאַרשטאַנען מיך ביז צום טראַפּסטן טראָפּן,
איך — זיין אינטעליגענץ צווישן ווייבער
איך — דער לירישער שאַדכן צווישן אים און מאַיאָווע מיידן.
איך האָב אים געגעבן די יאַדייאַים און די כוצפּע
אַ כאַפּ צו טאָן אַ ברוסט ווי אַן אינטעליגענטער קאַצעוו
און אַלץ דערפאַר וואָס ער איז געווען דער איינציקער געטרייער
גלאַטשמיין פאַרשטייער.
און איצט פיר איך אים צום קוואַל פון גראַפאָמאַניע
און זאָג אים: אדראבע, כאַפּ אַ שווים.
אָ, איינציקער לעזער, פאַרלאָז מיך ניט
אין די וואַסערוואַסערן, אין די קוועלעקוואַלן
פון גראַפאָמאַניע.

און אַלעמאָל ווען עס שטויבט די פען
און צערטלט אויס אַ זינגעניש —
שלייפשטיין, שלייפשטיין, שלייף דעם שטיין
ציינד אָן דאָס וואָרט מיט פייערוואָן.

אַ ליד

וואָך דורך דער גאַנצער נאַכט
איז דאָס מיידל געזעסן אויף דער שטילער באַנק.
אַ קלוגער טרויער האָט איר אויסגעהוילט דאָס האַרץ
מיט אַ שאַרפן שנאָבל,
און אירע געדאַנקען האָבן געזונגען
אין אַ ראָזער פּראָצעסיע:
מיין גאָט, מיין גאָט, מיין גאָט.
וואָס האָב איך מוירע פאַר דעם טויט
אַז ער איז בלויז אַ סאָד אין אויער.
אַ פלינקע שווערד וואָס קעפּט גלעטנדיק.
וואָס פאַרבייט דאָס קלייגנעלט פון צייט
אויף סעדער פון אייביקייט.
דורך דער גאַנצער גאַמע פון דיינע טויטן
מיין גאָט, מיין גאָט, מיין גאָט,
וויל איך שפּאַנען.
אויסטריקענען וויל איך ווי אַ באַהאַלטן וואַסערל,
פאַרוויאַנעט ווערן ווי אַ זאַנג,
שטאַרבן געדולדיק ווי אַ פויגל.
פליען וויל איך פון ווערן צו ווערן
און ווערן אַלץ קלענער און ברעקלדיקער
ביז צום מינדסטן פרימסטן ווערעמל
וואָס לאָזט זיך צעטרעטן מיט די פיס.
מיין גאָט, מיין גאָט, מיין גאָט —
האָט דאָס מיידל געגליט אויף דער שטילער באַנק
דורך דער גאַנצער וואַכער נאַכט,
און די ביימער האָבן אַרונטערגעשאָטן לעצטע בלעטער
ווי שלאָפנדיקע הענער
וואָס טרייסלען אויף מיט די פליגל.

א קינדערליד וועגן אַלטע לייט

צוויי אַלטע לייט זיצן און ווייזן געמיטלאַך
אַ פּייג די יאָרן זייערע וואָס ציילן זיך הויך אויפן קאָל,
און ריידן וועגן הויכפּאָליטיק, וועגן קינדער־דערציִעַן,
וועגן וואָס וועט זיין איבעראַיאָר
און וועגן דער וועלט וואָס האָט אַ טעמפּן רעגירער.
זיי לאַכן אַפּילע און ווערן אַנדרימלט
און כאַלעמען פון אַ פעלד מיט פאַרשידנקאָלירטע בלימעלאַך,
וואָס מען וועט פליקן מיט אייגענע הענט,
היינט און מאָרגן און איבעראַיאָר
מיט פלינקע און רירעוודיקע הענט.
די פייכטע נאַכט שעמט זיך צו קומען
ווי אַ קאַלענדאַרישער פאַקט.
האַלט זיך די זון לאַנג באַם מאַריוו
און באַרויטלט די געזיכטער
פון די צוויי אַלטע לייט.

II

שפּיגלקסאַוו

[קרעדאָס]

געטרייע זיידעס

מיט מאָרד, קריגערייען און טעמפּער אַקשאָנעס
פאַרבן מיר, געטרייע זיידעס, אַביסל איבער דעם דאַך.
אונדזערע ווייבער זיינען אַלט, אונדזער וועלט איז פאַרלוירן,
אָבער פאַר די אייניקלאַך וואָס דאַרפן ווערן געבוירן
וועט זיין אַ שפּאָגל־נייער דאַך.
און זיי וועלן מיט אַ קראַך אינגאַנצן אומוואַרפן דאָס הויז
און איבערבויען אויף דאָס ניי אַן אַנטיקע וועלט.
(מיט מאָרד, קריגערייען און טעמפּער אַקשאָנעס.)
אַזוי שפּאָרן מיר אָפּ יעדע קרישקע גליק פון זיך אַליין אויף עלטערע יאָרן,
פאַר זיי וואָס דאַרפן ווערן געבאָרן.
אונדזערע טאַטעס טויט, אונדזערע זיינען די קוואָרים,
און מיר בויען זיך אַריין אין די ווענט
מיט טיראַנישקייט ווי מאַרטירער.
פאַר זיי וואָס וועלן אומוואַרפן הויז און ווענט און דאַך
און ווידער רעסטאַווירן אַן אַנטיקע וועלט.

סאקאָ און וואַנזעטיס מאַנטיק

דער טאָג האָט זיך געלויטערט דורך בלויען נעפּל
און אַרומגענומען די שטאָט מיט אַ פּייכטן באַגינען
און אויף שויבן און טירן און דעכער
איז געוואַקסן אַ ליכטיקע אומרואיקייט אויף דער פולער וואָך.
מאַנטיק.

ערשטע רעדער אויף שטיינער רעדלען און מאָלן און וועקן,
ציגלגעביידעס פּייפן טרויעריק דעם עלנד דורך אַלע הינטער־
גאַסן,
דער שטומער געוועגלאַך קלאַפּט אַן שנעל און איילִיק אויף
אַלע טויערן,

אין די הייזער קלינגען די וועקזייגערס,
די קאַווע וואַרטשעט אין פאַרשוואַרצטע טעפּ,
די פרישע זעמל וואַרטן,
די פלעשער מילך האַרן אומגעדולדיק בא די טירן.
איבער דער שטאָט וויקלט זיך אַ שווערע היל פון הייליקייט,
איז עס נאָך די שלעפּ פון זונטיק, אָדער אַ כאַלעם וואָס
קלעפּט זיך

צום פאַרשלאָפענעם מארך פון דער שטאָט?
איז עפּעס געווען אָדער וועט עפּעס געשען?
די ציגלגעביידעס פּייפן נאָך טרויעריקער
און בעטן זיך בא די הינטערגעסלאַך:
די וואָך איז געקומען,
אַ שטאָט טאָר ניט וועלן פאַרגליווערט ווערן,
אַ שטאָט דאַרף זיך באַוועגן אימפּעטיק
אין ווילדן געזאַנג מיט שטעט,
אין ווילדן גֿעיעג אַרום זיך.

טוט אָן די ארבעטהויזן און טרייבט די ראָד,
גיסט אייל, גיט היץ —
שפייז פאר דער מעטאַלענער נעשאָמע פון דער שטאָט.
ווייל גאָרניט, גאָרניט איז געשען
און גאָרניט, גאָרניט וועט געשען.
טראַמווייען זשומען, אויטאָס רעווען, קוימענס פייפן,
אייזנס בראזגען, מאַטבייעס קלינגען, טריט קלאַפּן,
יעדער פאראיינזאמט אין דער צוזאמענקייט,
יעדער צוזאמען אין דער איינזאמקייט,
צען און הונדערט און טויזנט און מיליאָן —
מיליאָן גייט און גייט און גייט
(איינזאם אין דער צוזאמענקייט)
דערשראָקענע קוימענס שרייען און רעגולירן שטאָט־פּארקער:
ניט אַלע צוזאמען אהין און אהין
נאָר אהער און אהין און אהין און אהער
(איינזאם, איינזאם אין דער צוזאמענקייט)
טויערן ווי טויטנקאסטנס פארשלאָסן, פארקלאַפּט,
פארטויבט זיינען אויערן פון דער שטאָט.
גאָרניט, גאָרניט וועט געשען.

.1

פארצווייפלנגט האָט זיך דער נעכטן און דער היינט
און זיך צוזאמענגעוואָקסן און זיך צוזאמענגעהאָרבעט
אין איין קלאָרן פּלאָנטער.
קלאָר אין דער צעטומלעניש האָט ער א צעטומלטער קלאָר
געזען

ווי ווייניק טרייסט עס ברענגט דער ראָז פון א פּאַרטאָג
ווען דער טאָג אַליין ליגט שוין א באַשיידטער
פון נעכטן און פון אייערנעכטן,
ווען די שאָען זיינען בלויז שווינדלטרעפּ ארויף צו יענער שאָ
פון יענעם טאָג,
וואו ער איז אַליין ווי א גאַנעוו באַהאַלטענערהייט שוין געווען
און אריינגעשטעקט דאָרט א מעסער.
דער ראָז פון א פּאַרטאָג פאַר א טאָג אַזעלכן
איז עפּשער זיין אייגענער פרימאָרגן רעגנבויגן —
דער בלוטיקער צייכן אַז ער שטייט א פּאַרווירטער
מיט אָפענע אויגן צום פּאַראוים
און ווייסט קלאָר אַז עפּעס וועט געשען.

ווייל פון נעכטן ביז היינט האָט דער גאַווערנאָר
אומגעשפּאַנט אויף א בריק פון א שלאָפלאָזער נאַכט,
מיט א ביקס אויף די פּלייצעס האָט ער באַוואַכט
די געוויסנס פון א וועלט.
אַלע זיינען געשלאָפן בלויז ער אַליין האָט געהיט דעם טשעכאַוועס
פון די געוויסנס וואָס האָבן געבילט ווי הינטלאַך
און געקרייעט ווי קליינע הענדלאַך
און געמיאָקעט ווי שוואַכע קעצלאַך
און זיך געקנוילט און געהויפּט און געוואָרן איין שווערער פּאַק.
האָט ער געטראָגן א ביקס און א פּאַק אויף די פּלייצעס
און פריידיקע מאַכשאָוועס האָבן שוין גלייך אין די ערשטע שאָען פון דער נאַכט

בא אים אויפגעזונגען און לייכטער געמאַכט זיין מאַסע.
ער האָט געזאָגט צו זיך, אַז גוט איז וואָס עס זיינען דאָ בעטן,
אַ קלוגער סייכל איז וואָס גאָט האָט באַשאַפן די מינים,
און גוט איז וואָס מענטשן האָבן אויסגעטראַכט
די פאַרביקסטע פאַרגעניגנס.
און אַ דאַנק פאַר דעם מאָגן,
און פאַר כווישעכדיקע אָרימקייט,
און פאַר די ביטערע מוירע,
און פאַר אָרימאַנסקע פרייד פון ברויט,
און פאַר דעם שוויים פון אַרבעט
וואָס לעשט אוים די ליכטיקסטע געדאַנקען,
און פאַר פינצטערע הייזער וואָס פאַרלעשן דאָס ליכט אין די אויגן,
און פאַר דעם גרויסן, גרויסן סייכל איבער אַלץ
אַז דאָס קלייד פון מעטאַד ווערט קיינמאָל ניט אַרונטערגעריסן,
און רעוואָלוציעס געשעען בלויז אין דער געשיכטע.
און געשיכטע דערציילן אַלעמאָל אַלטע זיידעס אָן ציין
און ס'הויבט זיך אָן מיט אַמאָל — אַמאָל איז געווען.
אַזוי האָט ער געדאַנקט און געלויבט
דעם שטילן גאַנג פון אַלץ,
אַז זיין מאַסע איז געוואָרן אַזוי לייכט און לופטיק
און ס'האָבן קיין קעץ ניט געמיאָקעט און קיין הינט ניט געבילט,
בלויז אַ קליין אויפעלע האָט געוויינט אין דער נאַכט.
האָט ער אַרונטערגעשליידערט די ביקס פון די פּלייצעס
און געוואָרן אַ ניאַנקע און געוויגט
פאַרשלעפּערט און פאַרוויגט און פאַרליולעט מיט אַ ליד —

ער, די מאַמע פון דעם קינדישן וועלטגעוויסן.

האַלבנאַכט. פריילאַכע שיידימלאַך האָבן געטאַנצט אַרום
אים זיינע אייגענע מאַכשאָוועס
און אַוועקגעלאַכט, אַוועקגעשפּאָט פון אים דעם שרעק
זיינע אויגן.
ער האָט געזוכט שוץ אונטער דעם שאָטן פון אייגענעם שרעק
און געטריבן פון זיך די טרייסט פון זיינע ווערטער,
אָבער פון די צווייגן האָבן זיי אַרונטערגעלאַכט מיט אַ שפּיזל־
דיקן געלעכטער:

עפּעס וועט געשען.
אָבער גאָרניט, גאָרניט וועט געשען.

2.

די נאַכט איז געלעגן ווי איין שטיק שוואַרצע צייט,
און ניט ער האָט געהערט ווי עס אַנקערן אָפּ די מינוטן,
און ניט ער האָט געהערט דעם פּליעסק פון אַ געפאַלענער
שאָ אין וואַסער.
נאָר ווי אַ שווערע דומפּיקע וואָג האָט די נאַכט געהויערט
איבער אים
און פאַרשטעלט דעם טויער צו אַ מאָרגן.
וועט מאָרגן קיינמאָל ניט קומען?
(זאָל מאָרגן קיינמאָל ניט קומען)
די פיס ווערן מיד פון הין־צוריק,
שפּאַן אַוועק פון זיך,
אַריבער יענער זייט פון פאַרגליווערטן פינצטער.

פאַרוואָס איז פאַרשטומט געוואָרן דער שטאָטזייגער,
פאַרוואָס צעברעכט ער נישט דעם קנויל?
נעכטן האָבן פאַרמאַכטע פויסטן געהאַלטן מאַכט,
האַרט ווי קיזלשטיין
און איצט פּלייצט זי ווי זעמדלאַך דורך די פינגער.
ליידיקע פאַרשפּאָטע הענט.
זיינע זאַלבער ליגן איצט אין די בעטן,
די ווייבער קרעכצן פון טאַינעג
און באַ אים אין די אויערן קלינגען צוויי נעמען
און די אויגן זיינען פאַרהויכט ווי צוויי שויבן מיט צוויי
פענימער,
ראַטעוועט! ראַטעוועט! ראַטעוועט!

ווער האָט אויסגעזונגען אינמיטן נאַכט?
אויף דער בריק זיצט איינער און ציטערט פון קעלט.
די פיס אַרונטערגעהאַנגען אין וואַסער,
זיצט ער און זינגט שטיל:
ראַטעוועט! ראַטעוועט!
גוט. זינג ביז ווייטאָק.
שטעך מיך דורך מיט דעם געזאַנג ווי מיט גאָלדענע שפּילקעס,
אָבער זע, הויב אויף דעם קאָפּ צו מיר און פאַרשטיי:
איך בין ניט ערשט און בין ניט צווייט און בין ניט סאָף.
איך בין אַ פּלאַטער אין דעם בליאַסק פון שנעלן פאַרביקן
באַוועג,
איך טראָג מיט שרעק אַן אָפּגעטראָגענעם גוף,
ווער בין איך צו ווערן מער ווי איך בין?

בין איך דען אַן אָפּגעפאַרבטער קלאָון איך זאָל אויסשרייען
פּלוצים: גערעכטיקייט.
פּלוצים אַזוי אינמיטן דער נאַכט און פון דער העלער הויט,
איך, אַ מילב, און איינער אַליין זאָל אויסרעווען:
גערעכטיקייט.

האַלט איך דען דעם זיגל אין דער האַנט?
איך בין נישט ערשט און בין נישט סאָף,
פאַר מיר און נאָך מיר אַ קייט פון מענטשן
וואָס האָבן ציניש זיך פאַראומשטערבלאַכט,
זיך צוגעקלעפּט צום קאַרק פון אַ וועלט געדרעכעניש
און די וואַסערן וועלן קיינמאָל ניט אָפּשווענקען זייערע נעמען.
וויי איז מיר. וויי און וויי און וויי.
אין די אויערן קלינגען צוויי נעמען
און מיט זיי וועט מיטקלינגען מיין נאָמען.
און דו וואָס זינגסט אינמיטן דער שווערער נאַכט
זינג מיך אויך אַריין אין דיין געזאַנג,
און וועב מיך אויך אַריין אין די פעדים פון דיין ליד
הער דו מיך און מיין שטים ווי זי שניידט דורך די וועלט:
ראַטעוועט!

3.

ווער האָט אויסגעזונגען דאָס וואָרט?
ווער רייסט איצט אַרונטער דאָס טונקעלע קלייד פון דער
נאַכט?

ווער שפּרייט אויס דעם לעצטן טאָג
און פאַרבט אָפּ מיט ליכט אַפילע גראַטעם פון אַ געפענגניש?
דער מאַן מיט די גאָטפאַרכטיקע וואַנצעס,

און דער מאַן מיט די הייליק־אַקשאַנעסדיקע אויגן,
וואָס טוען זיי איצט אין די קליינע קעמערלאַך?
ערשט מיט עטלאַכע מאָרגנס צוריק האָט ער זיי געבראַכט
פאַררעטערישע טרייסט:
איך וועל טאָן אַלץ אין מיין מאַכט.
ביידע האָבן געלאַכט פון אים מיט ערלאַכע און פאַרטרערטע
אויגן.
ער האָט פאַרשעמט געקוקט אויף זיינע לאַקירטע שיך
וויל צווישן אים און זיי איז שוין געווען אַ דינע מעכיצע—
די מעכיצע צווישן אַ לעבעדיקן און צוויי טויטע מענטשן.
זיינע ווערטער זיינען געווען הויל ווי פאַלשע נים,
ער האָט געפלאַטערט מיט אַ שרעק פון אַ לעבעדיקן פאַר
דעם טויט —
אָבער די אויגן זייערע האָבן געלעבט און געשפּיזט זיין מאַרך
מיט אַ וויינענדיקער ערלאַכקייט.

וואָס טוען זיי איצט אין די קליינע קעמערלאַך?
איצט, אין דעם טאָג פון זייער טריאומף,
ווי עס האָט געזאָגט דער מאַן מיט די גאָטספאַרכטיקע
וואַנצעס.
אַ יעזוס מיט דעם לויטערן פּאָנים!
אַ מאַריע, שיינע מאַמע פון גאָט!

אַ יעזוס מיט דעם לויטערן פּאָנים!
אַ מאַריע, שיינע מאַמע פון גאָט!
ווי שטעכן זיך איצט דורך די ווערטער אין אַן אַלטן מויאַך.
אימיצער האָט איבערגעטאַשט די קאָרטן.

אומגעדרייט דעם פּאַראַוים אויף דעם צוריק.
ליכטיקע, זיכערע יאָר ווען מען איז אַלט געווען צוואַנציק.
און וואָס איז אים באַשערט געווען צו זען
אין אַ שטעטל אין דעם הייסן זיד.
אַ געפענגניש, און גראַטעס און היטער מיט ביקסן
און אַרום געפענגניש ווייבער, מענער און קינדער
פאַרזאַמלט ווי אויף אַ מאַרקטאָג.
אַלע שרייען: גיט אונדז אַרויס דעם שוואַרצגעזיכטיקן!
געפענגניש פאַלט ווי אַ קאָרטן הויז
גראַטעס ברעכן זיך און היטער אַנטלויפן פון דעם צאָרן
פון פאָלק,

דאָס פאָלק צאָרנט:
גערעכטיקייט!
איבער די ביינער גייט איבער אַ שוידער:
גערעכטיקייט!
יונגע ביימלאך טרעשטשען אין פייערדיקע צונגען
און דער שוואַרצגעזיכטיקער בראָט די יונגע אויגן פון
גאָווערנאָר,
אויגן פון אַ אינגל וואָס איז אַלט בלויז צוואַנציק:
אומשולדיק!
קינדער שרייען. באַכורים טאַנצן. מיידלאַך זינגען.
בוימלאַך טרעשטשען.
דער שוואַרצגעזיכטיקער זינגט דורך די פלאַמען:
אַ יעזוס מיט דעם לויטערן פּאָנים!
אַ מאַריע, שיינע מאַמע פון גאָט!

.4

דאָס געפענגניש וואו עס זיצן די צוויי טויטע מענטשן
שטייט זיכער,
די היטער האַלטן גרייט די מאַשינביקסן,
דאָס פאָלק געניצט אויס אַ פרימאָרגן געניץ,
דער טאָג איז געקומען,
די ציגלגעביידעם פייפן,
די טעפּלאַך קאַווע וואַרטשען,
די פלעשער מילך האַרן אומגעדולדיק באַ די טירן.
און ער איינער אַליין אין דער געביידע פון שטאַט.
די שטיינערנע ווענט זיינען דערפרוירן,
קיין שטראַל פון זון קאָן זיי נישט דערוואַרמען,
ער קוקט אַרויס דורך דעם קליינעם פענצטערל
און אַליין איז ער אַ געפאַנגענער אין דער געביידע פון שטאַט.
דאָס גאַנצע פאָלק וואַכט באַ די טירן.
אויף דעם אַרויס הענגט אַ שווערער שלאָס,
די מאַכט רינט ווי זעמדלאַך דורך די פינגער,
דורך די פענצטער וואַרפט מען אים גרוסן פון אַ ליכטיקער
שיין
בריוולאַך, בריוולאַך, אַ מאַבל פון בריוולאַך:
מוטיק! ראַכמאָנעס! פעסט! פליכט!
גערעכטיקייט! גערעכטיקייט!
אָ יעזוס מיט דעם לויטערן פּאָנים!

דער קאָפּ זינקט צום קאַלטן טיש
און בלייבט ליגן ווי אַ שטויביקער דאָקומענט

צווישן אַלע פֿאַרשטויבטע פּאַפּירן.
די שטיינערנע ווענט האָבן נישט קיין טרייסט.
עס איז דער לעצטער טאָג.

ווער האָט דאָ אַריינגעבראַכט אַ כּוויזיק-טראָן און אים
אָוועקגעזעצט מיט געוואַלט,
און אים אָנגעטאָן אַ מאַנטל פֿון אַ מיטלאַלטערלאַך קעניגל?
פֿירט אַריין די פֿרויען!
זיי פֿאַלן אים צו די פֿיס און בעטן:
אַדוינֵי קעניג! גנאָד! ראַכמאָנעס!
פֿאַר אַ ברודער, פֿאַר אַ טאַטן צו מיינע קינדער!
און וואָס וועל איך זאָגן אַ גרויען טאַטן וואָס וואַרט אויף
יענער זייט יאַם.

און וואָס פֿאַר אַ גרוס זאָל איך אים ברענגען
פֿאַר זיין בלוט און פֿלייש וואָס איז פֿאַרעלנדט געוואָרן.
און וואָס וועל איך זאָגן מיין קינד?
באַ דעם סענטימענטאַלן הינריכטער פֿייכטן זיך די אויגן,
דער קעניג וויינט.

איך וועל טאָן אַלץ אין מיין מאַכט.
(אַ פֿאַרשפּאָטע הענט מיינע)
פֿאַרוואָס האָבן זיי היינט אויפֿגעגעסן אַלע זעמל?
און אויסגעטרונקען די מילך?
אַז די באַסטיליע שטייט זיכער
און אויף די פֿענצטער בליען די לעצטע פֿאַר שאָ,
וויי איז מיר און וויי און וויי.
אַ מאַריע שיינע מאַמע פֿון גאָט!

אַ מאַריע שיינע מאַמע פון גאָט!
די שוואַרצע פּראָצעסיע שפּאַנט,
די פּליכט איידעם קומען.
באַם גאָלעך אין האַלדז איז פאַרטריקנט אַ געזאַנג,
אַרום גאָווערנאָרס איינזאַמען הויז שפּאַצירן געאָרימטע פּאָרלאַך.
זיי בלייבן שטיין פאַר זיינע טרעפּ
און באַוועגן זיך הין און צוריק אין אַ שטילן טאַנץ.
קעפּ פאָראויס, קעפּ צוריק.
קעפּ פאָראויס, קעפּ צוריק.
אין שטילן פרומען דזשאַז שעפּטשען די ליפּן:
גאָווערנאָר! ראַטעווע! ראַטעווע!
די באַסטיליע שטייט זיכער,
די בעטן זיינען גרייט
די פּאָרלאַך פאַרבענקטע זינגען: גערעכטיקייט.
די פאַבריקן וועלן פייפן מאָרגן און מאָרגן.
ראַטעווע — וועמען? איך? מיך? אונדז?
ראַטעוועט!
דער שטאָט־זייגער שליידערט הייסן בליי איבער דער שטאָט,
די הייזער שטייען רואיק,
דעם גאָווערנאָרס הויז שטייט זיכער,
די ביימער אין גאָווערנאָרס גאָרטן דרימלען,
אַלע גלעקער האָבן זיך צעוויינט.
די פּאָרלאַך קניען,
דער גאָווערנאָר קניט.
אַ יעזוס מיט דעם לויטערן פּנים!
אַ מאַריע שיינע מאַמע פון גאָט!

א י י ב י ק

פופצן קנויטן אָנגעצונדן,
אַ מיטנוואָך פאַריאָנטעווט.
אַלע רעדער אָפּגעשטעלט.
אַלע רוישן איינגעשטילט.
אַלע גאַסן אויסגעצירט —
פאַר וועמען מאַך איך כאַגע?
פאַר מיר, ווייל איך בין אייביק.
ווי פּעטרישקע איז אייביק.
ווי מאַראַנצנשאָלאכץ,
ווי אַ שטויבעלע,
ווי אַ פונק,
ווי אַ ווינטלבלאָז,
ווי אַ וואַסערטראָפּן,
ווי אַן איבערגעפּאַרענע קאַץ
וואָס האָט זיך געדולדיק אָנפּאַרטרויט
דער מענטשלאַכער אומשטערבלאַכקייט.
און ווער עס וויל און ווער עס וואָל
זאָל און זאָל און זאָל
היינט קומען באַגרייפן —
אַז אויב די מויערן זיינען שטיל,
איז עס ווייל איך וויל
אַז יאָנטעוו זאָל צערטלען שטיין און שטאָל.
ווייל איך בין שטיין און איך בין שטאָל.
ווייל איך בין און בין און בין
אייביק.

בערנארד לואיס

האָסטו געטריבן שפּאַס פֿון אונדז און בייז געכוויזעקט,
ווען דו האָסט אונדז גלאַנציק קאָלירטע גלעזער
פֿאַר דימענטן פֿאַרקויפֿט?
און אַז דו האָסט אָפּגעלאָזט רויטע קינדער באַלאָנען,
ביסטו געווען דער וואָס האָט געמאַכט אַן אָנשטעל פֿון אַ קויהעלעם
און אַרייַנגעטייטשט אין דעם אַלע טיפֿסטע מיינען
און געשריען: זעט מיר פֿליען, אַלץ פֿליט!
וואוהין?
נאַראָנים, — און האָסט מאַמזעריש אַ וואונק געטאָן מיט אַן אייגל
און אונדז אייַנגערעדט אַ לאַנד פֿלאַמטאַלין.

דער טייוול זאָל דאָס נעמען, אַז אַלץ ביי דיר איז געווען אַ כוויזעק
דייַנע ברייטע אַקסלען פֿון אַ ריז,
דייַנע שווערע הענט, די מעכטיקע צורע פֿון אַ שטאַרק פֿערד,
און דאָס אַלץ — אַ לעוואוש איבער געציילטע, צאַנקענדיקע טעג.
אַזוי אויף שפּאַס אויסגעהאָפּטן זיך אַ מאַנטל פֿון קוראַזש;
איבער אַ פּאַפּירענער בריק, איבער לעצטע אָפּגעטראָגענע פֿעדים,
איבער אַ זיכערן פּריצייטיקן סאָף.
און אַז דער שטאַפּעט איז געפֿאָרן גאַלאָפּירנדיק מיט דער בסורע

פאַר זיך אַליין פון אייגענעם אונטערגאַנג
און פאַרפאַרן אין אַ שענק און געבאַלעמט דעם באַלעם פון
א רויבער

וואָס האַקט קעפּ און פּלינדערט פאַרמעגנס
און לאַכט זיך אויס פון ווייבערשע געוויינען
און פאַרהאַרטעוועט זיך, פאַרקאַלעכט זיך מיט אומדורכ־
דרינגלאַכקייט,

קעדיי ניט אַרויסצולאָזן אויף דעם וויסטן דרויסן
אינמיטן כוואַטסקן באַלעם, דורך דעם איינזאַמען פענצטערל
אויפן פאַרהעקטן אָרט,

אַ יעלאַלע, אַ בריל, אָדער אַ קינדישן געוויין:
מאַמע, מיר ווערט פינצטערער דאָס טאָג־ליכט און איך גיי
אונטער.

איך האָב נעכטן געטריבן אַ בייזן שפּאַס מיט זיך אַליין,
איך האָב צעטראָטן אַ הויז־וואָרים נעבאַך,
קעדיי אויך אַמאָל כאָטש זיין דער בייזער שיקזאַל פאַר אַ
בידנער באַשעפעניש,

איך האָב אים איבערגעפּעקלט אַהין וואו ער וועט געפינען
זיין אומשטערבלאַכקייט

כאַ, כאַ כאַ לואיס און בערנאַרדינאַ דע לאַזאַר, כי, כי, כי.
באַ דעם מאָמענט וואָלט זיך געלוינט אונטערשפּריצן אַביסל
ליריק

און פאַרוואַרפן דעם פאַרכאַלעמטן קאָפּ
און אים איבערגעבן אין די הענט פון אַ דלילע
וואָס זאָל אים צורעכט מאַכן ווי זי פאַרשטייט.
וואו איז דיין דלילע, לואיס?

זאָל זי קומען און דערציילן עפּשער האָסטו איר פּאָרטרויט
א ווייך וואָרט?
אָדער איז דאָס דיין יערושע?
פאַר אונדז זיך צו שפּילן און זיך ווערגן
ווי ווילדע אינדיאַנער מיט פאַלשע טורמאַלינען און כריזאָ-
פּראַזן
און זיך אַליין פאַרווינגן מיט א ליו־ליו ליד פון א לאַנד
פלאַמטאַלין?

איך פאַרשטיי איצט דעם שפּאַס דיינעם,
דיין געזאַנג צום ברייט־פּלייציקן גיבער פון פעלז ראַנדערא.
(יעהופּעץ און קאַסרילעווקע,
וואו עס וואַקסן קינדערלאַך גיבוירים אין קאַדאָכעס־זומפּן,)
כאַ כאַ כאַ, לואיס און בערנאַרדינאָ דע לאַזאַר, כי כי כי.

יאָ, דער שיקזאַל איז א נאַרישער פּיליסטער.
Do you remember this word?
הזוכר אתה את המלה הזאת?
וואָס דאָס דערינערט מיך ווי דו האָסט געזוכט פילאָזאָפישן
טרייסט
אין די אומפאַרבונדענע ברידערווערטער פון א ווערטערבוך.
Say listen!
איז טאַקע פאַראַן אומשטערבלאַכקייט אין דעם לאַנד
פלאַמטאַלין?

וועגן פרייד

דו אליין ביסט א געזעמל פון מענטשן,
דיין איינזאמקייט שרייט מיט פילדערישן גריליץ.
דאָס שטילסטע וואָרט דיינס איז מעגאפאָניש שרייאיק,
דיין פארגעלטער פינגער —
זאָל ער זיין דער שליסל צום הארץ פון א רעגימענט?
טרויעריקער פריינט מיינער, וואָס ווילסט פארלאכן דיין ווייטיק
און לויפסט מיט שלאברע פיס אין ראָד פון קאראהאָד,
און טאנצסט און טומלסט און זינגסט
פון ברידערליבע מיט א פארטיק געזאנג.
איך בין דיך ניט מעקאנע שטילער פארשרייער.
איך גלויב דיר ניט ווען דו רעדסט פון טערק,
פון פערזער, פון רוימער און פון איד.
עס איז דיר אומעטיק מיין פריינט אין איינזאמען כיידער —
שלאָפסטו מיט גאנצע פעלקער אין אן ענג בעט.
פון וועלכע קרייטאכצער האָסטו ארויסגעקראָגן
דיספעפטישע פרייד?
און גלויבן וואו האָסטו געשפונען
מיט ציטערדיקע אלטע הענט?
שוויינ און איך וועל אויסקריצן א וואָרט
אויף דיין מאצייווע,
פאר פיינלאכער איינזאמקייט, איינזאמקייט וואָס טרייסט זיך

מיט דעם רווישנדיקן טומל אַרום לענינס מאַוזאָלעי.
זאָג, וויפל פלויטן ביסטו אַריבערגעשפרונגען
ביז דיין איצטיקן באַשטאַנד?
שווייג און הער די האַנט וואָס קריצט אַ געדענקוואָרט
פאַר אַן אַלטן באָכער וואָס האָט געכאָלעמט
פון דעם גראָטעסקן שידאַך צווישן טויט און לעבן,
פון דעם רווישנדיקן לעבן אַרום לענינס מאַוזאָלעי.

אויטאָביאָגראַפיע

איך האָב נעכטן אָפּגעשטעקט מיין זון די דאָזיקע געשיכטע:
אַז מיין טאַטע איז געווען אַ ציקלאָפּ און, פאַרשטייט זיך,
מיט איין אויג,
אַז מיינע פּופּצן ברידער האָבן מיך געוואָלט אויפפרעסן,
האָב איך זיך קוים אַרויסגעראַטעוועט פון זייערע הענט
און זיך גענומען קייקלען איבער דער וועלט.
קייקלענדיק זיך בין איך אויסגעוואַקסן אין צוויי מעסלעס,
אָבער צוריק צום פאַטערס הויז האָב איך שוין נישט געוואָלט
גיין.
בין איך אַוועק קיין צפאַניע און זיך אויסגעלערנט שפּרעכן
אידיש,
זיך מאַלע געווען און געוואָרן יודע.
האָב איך אָנגעהויבן האַנדלען מיט פלאַקס, טריוואַקס,
עסרויגים און אָפּגעביסענע פּיטומס
און געמאַכט וואַסער אויף קאַשע.
ביז איך האָב אָנגעגנט אַן אַלטע פרינצעסן
וואָס האָט מיר אָפּגעשריבן אירס אַ גוט און געשטאָרבן.
בין איך געוואָרן אַ גוטבאַזיצער
און אָנגעהויבן פרעסן און זויפן.
און אַז כ'האָב געזען איך ווער אַ ביסל פעט,
האָב איך גענומען און כאַסענע געהאַט.
נאָך דער כאַסענע האָט מיין גוט אָפּגעברענט
בין איך געוואָרן אַן אָרימער צייטונג שרייבער.

צו מיין טאַטן, דעם ציקלאָפּ, שרייב איך נאָך אַמאָל אַ בריוול,
אָבער צו מיינע פּופּצן ברידער — אַ זאַסיע.

אידישע מעלוכעס

קאָנסקיוואָליע, מאזלבאָזשעץ, קאָזשניצע,
ליעווערטאָוו, פולאַווע און בעכעווע,
גליסק, פיוסק און שאבעשין —
נעמען פון פוילנס שטעט, ווייסט דער טייוול פארוואָס,
שווימען נאָך אום ווי מערכעצבלעטלאך אין מיין זיקאָרן.
ווען איך בין געווען אַ קליינער פעמפיק,
האָב איך געוואוסט אַז אַ נעסיע אהין,
שמעקט מיט אַ בויד, אַ פור, אָדער אַ סקריפענדיקן וואָגן,
וואו עס פאָרן שטענדיק וואַרעמע דינסטמיידן אויף דינסט.
איך האָב געזען אַלע שטעטלאך ווי אידישע מעלוכעס,
וואו יאָמקיפער לייגט אוועק אַ שרעק,
אפילע איבער די גויאישע כאַלופעס,
וואו עס הענגען צלאָמים
פאַר אַ שמירע קעגן אידישן גאָט.

איך וואָלט אוועקגעגעבן גאַנצע מאַיאָנטקעס מיט אָרימקייט
איך זאָל אַצינדערט נאָך דעם בענקען.

דאָרט וווּ די צעדער

דאָרט וווּ די צעדער —
לאָזט מען קיין אידיש ניט רעדן.
מען לאָזט ניט מיין לאָשן קומען אויפן מויל.
די מאַמע ראָכל וואָס האָט דאָס גאַנצע טייטשכומעש פאַר־
ווײַנט,
ליגט און וואַרט אויפן מיטוועג אַ שטומע —
זי וואָלט געוויינט אויף אירע קינדער
אָבער זי קען נאָר זשאַרגאָן.
ואני,
און איך, אַז איך וועל אַמאָל קומען קיין ציון,
וועל איך אַרומגיין איבערן לאַנד און שווייגן ווי אַ פיש,
קעדיי ניט צו דערצערנען מײַנע דערוווייטערטע שטיפברידער
וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון גאָלעס
און זײַנען אויסגעלייזט געוואָרן פון פאַרפלוכטן זשאַרגאָן.

מארשאלקו

אַלע בריקן ברענען אויף דער ווייסל
און גאַנץ פּוילן גייט אַוועק מיט פלאַמען.
אוי מארשאַלקו, פאַרוואָס ברענען ניט מיינע אויגן מיט דעם
פייער.
דער עמעס איז אַז רואיק איז אין לאַנד פון מיין געבוירן,
און פרומע פּויערים גלעטן פעטע ערד מיט אַקערקאַמען,
אוי מארשאַלקו, פאַרוואָס שטראַלט די רו ניט פון מיינע אויגן.
איך ווייס ניט וואָס איך האָב געיאַרשנט
פון דעם לאַנד וואו בייזע גויאים
האָבן געשראָקן ביידער־קינדער מיט יויזל פראָצעסיעס און
קלויסטער גלעקער
און אייביק געהערט ווי עס קלינגט דאָס גאָלד בא זשידאָווסקע
הענדלער —
גאָט ווייס אַז פון דעם מיסכער איז באַם טאַטן מיינעם
געבליבן אַ טאָרבע אויף די אַלטע יאָרן
וואָס ער שעמט זיך עפּשער צו באַווייזן,
און בא מיר, מארשאַלקו, וואָס איז פאַרבליבן פון דעם לאַנד
פון ברייטע לאָנקעס?

דער הייליקער נאַר

געפאַנגען, געפאַנגען אין טויזנטער מיילן פון פרייהייט און שליאַך.
די ראַכוועס איז ענגשאַפט און מיט גראַטעס דער פּאַלאַץ,
און סיי וואָס געווען און סיי וואָס דאַרף זיין
איז יאָך און צאַם און באַשערטע קנעכטשאַפט.
(אַ צאַפּלדיקע טראַציקייט — געזאַנג פון הייליקן נאַר —
טראַציקייט וואָס באַפרייט כאָטש די אייגענע פיר איילן).

אויפשטאַנד קעגן זיך און בלוטלאָזן וואָרט,
געבערט אַ שווייגן פאַרקניפּט מיט דעם רויש פון דער וועלט,
וואָס באַפליגלט דעם שטומען, דעם איינזאַמען נאַר,
דעם באַזיגטן וואָס זיגט.
איבער יאָך און צאַם און באַשערטער קנעכטשאַפט.

און אַלע וואָס טאַנצן דעם טאַנץ פון די רייד,
און אַלע וואָס ברעכן מיט שטערנס שטאָלענע ווענט,
שרייען אַרויף צו די גראַטעס: באַפרייטער! באַפריי,
באַפריי אונדז.

באַפריי, דו הייליקער נאַר.
אַ הייליקער נאַר, אַ הייליקער נאַר,
וואָס האָסט פאַרפלאַנצט מיט לעבן טויטע פיר איילן.
און אַז אומדערוואַרט קומט אָן די דערוואַרטע שאָ,
קוקט דאָס באַשערטע פאַרשעמט אין די אויגן פון דעם

װאָס איז גרייט און בויגט קלוג דעם קאָפּ —
(עס לויכטן די אויגן באַם נאַר מיט בלענדנדיקער כּאָכמע.)
און דאָס װאָס איז באַשערט,
און דאָס װאָס האָט געמוזט,
פּאַסט אַזוי דעם גרויען, דעם שטראַלנדיקן קאָפּ,
װאָס שװייגט אויס דעם לעצטן טראָציקן געזאַנג
פון דעם הייליקן, הייליקן נאַר
װאָס איז אויסגעגאַנגען אין געפאַנגענשאַפט
א זינגער.

דער ריז פאַר מיין הויז

דער ריז איז געקומען פאַר מיין פענצטער אויף קוליעס צוגיין,
און צעבראָכן מיט דער קוליע אַ שויב אין מיין הויז,
און אויסגעפלאַצט אין אַ געוויין וואָס האָט געקענט רירן
אַ שטיין:
איך בין זיך געקומען פעכטן.

האָב איך קוידעם געזען אַז דער ריז איז פון הונגער פאַרדאַרט,
האָב איך אים געוואָרפן אַ צאַפּ, אַ כאַזערל, אַ ציג און אַ צויג,
האָט דער ריז עס פאַרצערט און אַלץ געוויינט:
איך בין זיך געקומען פעכטן.

האָב איך אים אויסגעווישט אַ טרער פון דעם גלעזערן אויג,
און געזען אַז דער ריז בענקט פון געוואוינהייט נאָך אַ ווייב,
האָב איך אים געטרייסט מיט אַ פּאַסעק פון דאָ און אַ פּאַסעק
פון דאָרט,
אָבער דער ריז האָט אַלץ ווי אַ ביבער געוויינט:
איך בין זיך געקומען פעכטן.

האָב איך אים אַרויסגעוואָרפן אַ קויש מיט גוטסקייט אויפן
קאָפּ
און מיט אַ גאַנצן פּאַמעשאַף פון פריינטשאַפט אים באַצוואָגן,
אָבער דער ריז איז געפאַלן פון די פיס און געוויינט:
האָב ראַכמאָנעס! איך בין זיך געקומען פעכטן.

האָב איך אים געגעבן אַ שנעל אין דער נאָז
און אַ טראָמאַך אין אַ זייט,
אָבער ער האָט געפאָכעט מיט אַ קוליע ווי אַ שפּיז,
און געפאַלן פון די פיס,
און געיאָמערט:
איך בין זיך געקומען פעכטן.

ו ו אָ ר ט פ ר י י ד

זאָל זיין אַז מען גרייט זיך, אָדער ס'איז שוין עפּעס וואו געשען.
(וואָס פאַר אַ בילבול אויף דער אייביק זיך נישט בייטנדיקער
צייט!)
וואו איז דעם אָנזאָגער'ס רויטצעשטראַלטער גלויבן?
וואו זיינען פון העראָלדן די שטאָלצע טריט?

איך האָב צו זיך געזאָגט:
ליב צו האָבן דאָס לעבן טויזנטפאַכיק.
אָנצונעמען פאַר ליב איר מינדסטע קאַרגסטע גאָב,
איז עפּשער ניט דער סאָד פון אַלע סוידעס,
אָבער אונזער באַשערטער גנאָד פון אויפגאַנג און פאַרגאַנג.

זעט ווי די אויסיעס גליען אויף אָפּגעריבענע מאַצייוועס
פון אַלע וואָס האָבן געזונגען דאָס קורצע ליד פון זייגער און
פון האַרץ.
זיי האָבן אונזערע הענט געשמידט אין גאָלדענע קייטן,
מיר זיינען זייערע קנעכט און זייער וואָרט איז אונזער פרייד.

און קיין אַנדער פרייד איז נישטאָ.
אייביק איז דאָס זעקל ווערטער
און שטראַליק די טרייסט
ווי צו ליגן דעם קאָפּ אויפן זעקל הייליקע ערד
און קיין אַנדער טרייסט איז נישטאָ
און קיין אַנדער כאָלעם איז נישטאָ,
ווי אויפצואוואַכן, לעבן, גליען מיט דער אייביק זיך נישט
בייטנדיקער צייט.

דיזע פֿאָלגנדע מענטשן

מיין זיידע האָט מיר אַמאָל פֿאַרזאָגט:
מיט דיזע פֿאָלגנדע מענטשן זאָלסטו ניט גיין אַליין
אויף אַ פֿינצטער געסל —
מיט אַ גוי וואָס גייט פֿאַרביי אַ יויזל
און צײלעמט זיך ניט.
מיט אַ קרעמער וואָס רעדט דייקע פֿון ערלאַכקייט.
אָבער אַן עמעס איינשטעלעניש איז מיט דעם מאַן.
וואָס זאָגט אַז ס׳אַרט אים ניט
אַז זיין לאָשן וועט אונטערגיין,
און אַז ס׳וועט שטאַרבן זיין פֿאָלק.
און גאַר אויסגעהיט דאַרף מען זיין מיט אַזוינעם
וואָס ס׳אַרט אים אַפֿילע ניט זיין אייגן לעבן,
וואָס ער איז קעסיידער מאַקריוו אויפֿן מיזבייאַך
פֿון דעם אָפּגאָץ וואָס לייטע רופֿן מענטשהייט.
אַ מענטש וואָס שפּרינגט פֿון דער הויט
מאַקריוו צו זיין די אייגענע שקורע, מיין קינד,
האָט ניט כאָס אויף קיינעם
און וועט קוידעמקאָל גאַנץ גלייך
מיט סימכע מאַקריוו זיין פֿריער דיך.
דאַרומאַך זאָג איך דיר בעפֿיירעש,
אַז מען דאַרף זיך שטאַרק היטן, מיין קינד.

שפיגלקסאַוו

שפּיגלקסאַוו אויף מערמלווענט
מנה, מנה.
פּיבערווילן אין טויטע הענט
מנה, מנה.
דאָס וואָרט איז אָנגעשוואָלן
דאָס וואָרט וועט פּלאַצן
פון צופיל מיין און צופיל קלאָר.
דאָס וואָרט איז דרייעקיק,
דאָס וואָרט איז פירקאַנטיק
און דער ליגן — מאַטעמאַטיש וואָר.
י. ג—ן

די נאכט ציילט די אייגענע שאָען
און דער טרויער איז אַלץ זיין פּאָטער.
דער טאָג קומט צו רייטן אויף דעם קריי פון א האָן
און דער טרויער איז אַלץ נאָך זיין פּאָטער.
אָ שטיי אויף, אָ שטיי אויף, אָ שטיי אויף
צום קאמף וואָס איז רויט.
צום רויטקאמף, צום קאמפּרויט.
צום ברויטקאמף, צום קאמפּקאמף.
מיט דער פאָן וואָס איז רויט,
(מיט דעם העמד וואָס איז שווארץ
שווארצרויט, רויטשווארץ)
צומערשטן, צום צוועלפטן, צום ווייפלטן
און דער טרויער איז זיין נאָענטסטער קאָרעוו.
אָ ליבע, אָ ליובעלאָך,
לאָזט פארהאקן די לאָדן,
און עסן דאָס טרוקענע ברויט.

(צום רויטקאמף!)
לאזט צאפּלען אין ענגוועגט די יאָרן פון מיר.
פאַרוואָס זאָלן בלוטן די יאָרן פאַרנאַך
פאַר דעם לאַנגן מאָרגן,
וואָס ווערגט מיט צוזאָג און קומט
ניט. ניט. ניט.
קומט ניט. קומט ניט. קומט ניט.
און דער טרויער איז אַלץ נאָך זיין פאָטער.
איר, מיט צונגען וואָס דרייען דעוויזן,
וואָס פאַרטויבן די וועלט מיט מאָטאָס און לאָזונגען,
וואָס ווארפן און שטעלן דענקמעלער,
וואָס פאַרטעמפּן דעם דאָר מיט פאַר און מיט קעגן,
וואָס טייטשן ציטאַטן פון געשטאָרבענע העלדן,
וואָס שרייען הוראַווייוואַט פאַר יאָ און פאַר ניין,
ברענגט מיר אַן אָפּגעשיילטן עמעס,
שטאַמלער פון סטירעס,
פאַר דעם וואויל פון מיין קינד.
(קינדעלע, אויפעלע, נאָך ניט געבאָרן דוירעלע,
דיר ווילט זיך דאַווקע אַ טאַטע אַ מאַרטירער)
די אַלטע ציין דערקייען אַ טרוקן שטיקל ברויט.
מיינע וואוילטאָגן וועלן אָדער יאָ, אָדער ניין,
ווערן מיט דעם דערלייז פון מיין בלוט
לוקסוסדיקער אויף אַ האָר.
אָבער די וואָר איז
אַז סיי אַזוי און סיי ניט אַזוי,
איז אַלץ דער טרויער
זיין און מיין און דיין
נאָענטסטער קאָרעוו.

טייערע איציקס

טייערע איציקס, זייט איר האָט זיך אַלע דאָרט
געלאָזט אויסשניידן די אַבסטראַקציעס,
שיקט איר אַזעלכע טומטום בריוו
צום אַמעריקאַנער פעטער,
אַז איך מוז אייך שרייבן אַ פּאָר ווערטער.
ווי וואויל איז אייך וואָס איר האָט זיך באַזעצט
אויף דעם פאַרשטענדלאַכסטן טייל פון אונדזער מאַמע־ערד
וואו מען ווייסט אַז דער שליסל צו אַלע וועלט־רעטענישן
איז די הייליקע טוירע פון אונדזער ברודער קאַרל.
איר ווייסט אויך אַז דער אַמעריקאַנער פעטער איז פעט
און איבערגעפרעסן און אַז אונדז דאָ איז זייער גוט,
און אויב איר ווייסט נאָך פון וואָרט אַלרייט,
האָט איר שוין אַ טעלעוויסטיש בילד
פון דעם פעטער מיט די לייכטסטע מיטלען.
זאָל גאָט (פאַרדאָן?) בענטשן אייערע הענט,
וואָס האָבן דורכגעריסן אַלע שלייערן פון די זיבן קונסטן.
איצט קענט איר, ניט רויט ווערנדיק,
מיט אָרונטערגעלאָזטע טאַכטוינים,
מיסטיקן די בערסאַנער פעלדער
צו דער גרויסער צופרידנקייט
פון אַן אוילעם פון טויזנטער קעפּ
וואָס פאַרשטייען די אוטיליטאַרישקייט
פון מיסט וואָס געבערט ברויט.
אָבער אויף דעם איבערגעפרעסענעם אַמעריקאַנער פעטער
איז דאָך אַ ראַכמאָנעס,
מוזט איר אים טאַקע און דאַווקע אַלעמאָל
צושיקן וואוילגערוכיקע מוסטערן
פון אייערע געזאַנגען?

אַ שעוואַך

אַ שעוואַך גיב איך אָפּ צו דעם וואָס טרייבט דעם גאַנצן
קאַטאַוועס,
וואָרן ער האָט מיר געגעבן אַ פּונק פון זיין כוויזעס
און אַ גליענדיקע קויל פון זיין שפּאַס.
אין מיינע אייגענע דאַלעדראַמעס בין איך ער,
ווייל אין דעם ביסל ליים וואָס איך האָב געקראָגן געשאָנקען,
בלאָז איך אַריין אַל זיינע שמאַדשטיקלאַך
און אַל זיין שטיפעריי.
די שרעטעלאַך וואָס וואַרטן אויף מיין באַפעל
צינדן אָן גאַנצע קאַנדעלאַברעס מיט ווערטער,
וואָס פאַרענטפערן אַלץ מיט פייער און מיט ליכט.
און דאָס וואָס מ'דאַרף ניט וויסן,
און מען בראַך ניט וויסן און מען קען ניט וויסן,
איז געהילט אין פאַנטאַסמאַטונקלעניש
וואָס לויכט אויך און צויבערט און פאַרווילט.

III

דער באראָן דערציילט זיין לעצטע דערפארונג

[קרעדאָס]

דער באַראָן דערציילט
זיין לעצטע דערפאַרונג

I

אַ שטילער, שמאָלער טייך שלענגלט זיך דאָס לעבן,
דאָרפּיש-פאַמעלאַך דורך פינצטערע גאַסן
פאַרקוויטיקט און פאַרפלעקט מיט אַלטע הייזער,
טערעמער און קלויסטער.
אין אַ גרויסן מיסטקאַסטן וואַרפט אַ האַנט אַריין
יאָרן ווי פאַרפוילטע בלעטער,
וואָס זאַמלען זיך און איפּעשן אַזוי קאַלירפול
ווי וויאַנע בלעטער קענען.
און צו שווער איז דעם מענטשנס לאַסט
זיך אָפּצושטעלן און איבערלייענען דעם אָנאַדראָמיני —
עס איז היי-יאָר, פאַריאָרן און דאָס יאָר וואָס וועט קומען
מיט שטילע פאַסירלאָזע טעג.
די האָפנונגען אויף מאָרגן טונקלען
ווי די קאָפּטשענדיקע גאַסלאַמטערנעס.
די איינציקע וואָס כאָלעמען נאָך וואַכערהייט
זיינען די קינדער וואָס שפּילן זיך אין וואָס-וועט-זיין,
און טאַפּן זיך אין דער פינצטער אויף די בוידעמס
מיט הייסע הענטלאַך.
אין שטאָלצע פילקאָלירטע מונדירן
דרייען זיך אַרום די סאָלדאַטן איבער די גאַסן
ווי די פאַרביקע אַווסטראַלישע פייגל.
באַנאַכט ווערן וואָרים און באַוועגלאַך ווי מוראַשקע-נעסטן
די ראָגן.
די מוידן וואָס האָבן פרעכע מיילער און הויכע בוזעמס

און די סאָלדאַטן וואָס אָטעמען שווער דורך די לאַנגע וואָנצעס
און בייטן אומרואיק די פּיס,
קלעפּן צוזאַמען אין דער טונקלקייט
און ריידן שטיל און זינגעוודיק וועגן אויסדינען
און וועגן בויען אַן אייגן הויז.

אַהער איז דער באַראָן געקומען אויסהוסטן
זיינע לעצטע באַדאָשים.
דאָ אין דעם קליינעם קלויסטער האָט ער געהערט
די ציכטיקע רייד פון גאָלעך:
קליינע געמאָסטענע רייד ווי קליינע פּינטעלאַך,
שטילע ווערטער וועגן לעבן
און פריידיקע טרייסט אַנטקעגן דעם טויט.
די בערג אונטער די אויגן זיינע זיינען העכער געוואָרן
און די אויגן פאַרלאָפן מיט ווארימקייט,
ווען דער פאַסטוך פון די מענטשלאַכע בעהיימעס
האָט געערעדט געלאַסן וועגן הימלישן פאָטער,
אונזער אַלעמענס פאַסטוך וואָס איז געדולדיק
און באַשיידן ווי אַ בעטלער.
עס איז געווען ליב און ענג ווי אין אַ שוויצבאָד
אין דעם קליינעם שטעטל,
וואו ער האָט מיט דעם לאַנגן שטעקן זיינעם
געשריבן מיט דעם שפּינוועב פון די הייזער
דעם ווייטן נאָמען פעטערבורג,
אָדער דאָס קורצע וואָרט רוים,
וואו פרויען אויף הויכע אָפּצאַסן
רופן מיט אויגן ווי לאָמפּן
און זיינען קליגער און דערפאַרענער פון די מענער.
אַ הויכער דינער בוים איז ער אַרומגעגאַנגען
איבער דער לענג און ברייט

און געטראַכט זאַכן וואָס האָבן אים געוואָרגן
און געזוכט אַ ברייטן שעטאַך,
קעדייִ אַ פֿלייץ צו טאָן מיט גינגאָלדענע ווערטער
וואָס דראַפּען זיך אַקראָבאַטיש צום הימל.
דער טאָג איז פֿאַרגאַנגען אויף אַ שטיק וואָלקן
מיט די שענסטע פֿאַרבן.
דער באַראָן האָט זיך פֿאַרגעוואָרפֿן
אַז ער איז אַלט און סענטימענטאַל,
ווען ער האָט גראָד איצט געטראַכט
אַז דאָס פֿלאַקערט זיין צויבערדיק לעבן אַזוי ערעוו אונטער-
גיין,
און עס איז אים געווען עגאַל אַצינד,
צי ער האָט איינער אַליין אויסגעשלאַכט הונדערטער מענטשן
אָדער עס אויסגעטראַכט.
אַלץ איז געווען אַזוי ווייט פֿון אים ווי אַ רעגנבויגן.
און אַפֿילע ווען ער האָט אַ לעבן לאַנג
באַזעצט זיינע יאָרן מיט דימענטענע בייקעס —
די קרוין האָט ער שוין לאַנג פֿאַרלוירן,
און איצט טראַכט ער אַזוי איינפֿאַך
וועגן דעם מאַן וואָס האָט פּאָשוט אָפּגעלעבט זיין לעבן
און געשטאָרבן ווי אַ גאָט.
ווער קען אַצינד אויסשטרעקן די דאַרע האַנט
צו דעם וואָס איז אַוועק
און זאָגן אַז דאָס איז געווען
און דאָס האָט זיך בלויז אויסגעדאַכט?
איצט ביים סאָף פֿון וועג,
אין אַ שטעטל וואָס איז פֿאַר אים סאָף-וועלט,
און צוריק ווילן די מידע פֿיס
שוין מער ניט גיין.

גליפליגן האָבן זיך גענומען שפּילן צווישן די ביימער,
אויפגעליכטיקט און פאַרלאָשן זיך אַליין.
די טונקלעניש איז געקומען מיט שטילער רו
און אַלץ האָט אָפּגעצאַנקט אין אים,
ווי עס וואָלט שוין איצט געווען אַ טאָג נאָך זיין טויט.
די קילקייט איז געווען דער איינציקער ציטער פון לעבן
וואָס האָט דורכגעשווידערט זיינע אַלטע ביינער.
די נאַכט האָט געערדט דורך וואַסערמורמל, בלאַט און פראָש,
מיט אַזאַ האַרצרייסנדיקן צויבער,
ווי אַ פליים וואָלט געשפּילט פון זיך אַליין
אויף אַ בעיסאַקוואָרעס.
און דער באַראָן איז געלאָפן זוכן
אַ וואַרים אָרט און אַ מענשלאַך קאָל.

II

צוויי שיקורים זינגען אין דער קנייפּע.
איינער זינגט אַז גרויסמעכטיק איז דער באַשעפער,
און דער צווייטער וועגן מאַגדאַן מיט דעם ברייטן הינטן.
און ביידע זיינען טרויעריק און וויינען צוזאַמען,
און וויינען באַזונדער,
יעדער איינער איבער זיין קופל ביר.
אויף דער איינגעבראָכענער לאַנגער באַנק
זיצט ער ביים נאַקעטן טיש און דענקט נאָך
פון דעם דינעם, שלאַנקן יונגנמאַן,
וואָס האָט אַמאָל געפלאַסטערט די אַריינגאַנגען אין די שענסטע הייזער
מיט ליגנס,
פון דעם רייטער וואָס האָט דורכגאַלאָפּירט
דעם שטויב פון עטליכע צענדליק יאָר,

און קיינמאָל קיין צייט ניט געהאַט צו זען דעם אָפּשיין
פון די אייגענע אויגן.
און צוליב וואָס איז דער מאַן אַזוי געריטן, געריטן און
געריטן

און האָט אויסגעמיטן צו זען זיך אַליין אין שפּיגל
אָדער רעדן צו זיך אַליין אַ וואָר וואָרט?
יעדן מעסלעם זיינעם האָט ער פאַרלייקנט
און אָפּגעמעקט פון זיין אייגענעם זיקאָרן.
ער איז געוואָרן דער צויבער־אַרכיטעקט
פון זיינע אייגענע פאַרגאַנגענע שאָען.
ער האָט באַלזאַמירט זיינע טויטע רעגעס
און אויסגעטראַכט פאַר זיך אַ לעבן
מיט פאַרביקע רייד.
אַמאָל זיינען ווערטער אים געווען אונטערטעניק
און דער פלאַקערדיקער מויאַך האָט זיי געצונדן ווי שטורקאַצן.
איצט קריצט ער זיין אייגענע מאַצייווע
און זוכט אַן איינאונאיינציק שטיל וואָרט וואָס זאָל סומירן
און אַפילע באַוויינען.
די קלוגשאַפט וואָס איז אַלעמאָל געווען
אַזוי פאַרוואָרצלט און שטאַמיק אַ טייל פון אים
האָט זיך איצט, נאָך עטליכע שוימנדיקע גלעזער ביר,
אָפּגעטיילט פון אים און זיך אַוועקגעשטעלט אויפן טיש.
ווי אַ סאָווע מיט שפּאַקולן איז זי געשטאַנען
און געלאַכט פון אים איבער זיין ביטערן ראַכמאָנעס צו זיך
אַליין.

און באַלד האָט זיך אים גענומען דאַכטן,
אַז ניט ער זיצט נאָר ער הענגט אין ווינקל
אַ געקרייציקטער פון זיין אייגענעם ראַכמאָנעס.
מיט אויסגעשפּרייטע הענט הענגט ער,
ווי זיינע עטליכע יאָר וואָס ער האָט אָפּגעלעבט

וואָלטן ניט געווען זיין אייגנס,
נאָר אַ מאַרטירער-צייכן פאַר אַ וועלט.
אַזוי זיך צו איבערפינזלען איז אים אַליין געוואָרן פריקרע
און ער איז געלאָפן פון דעם ווינקל.
ער האָט זיך צוגעזעצט צו די צוויי שיקורים
און ניט געבעטענערהייט גענומען דערציילן,
פון זיין רעגנבויגנדיקער, ניטגעשטויגענער פאַרגאַנגענהייט.

עס איז געווען אין זעלבן יאָר ווען אַ פאַרפלוכטער פרידן
האָט אויסגעשפרייט די פאַפּירענע פליגל
איבער דער גאַנצער וועלט.
אויסגעהונגערטע קראָען די גרויס פון לייבן
זיינען אַרומגעפלויגן און געקראַקעט.
די פעלדער האָבן געבליט און געבענקט נאָך פאַרוויסטונג
און מענטש האָט פיינט געהאַט מענטש
מיט אַ פאַרראָסטעטער ליבע.
דאַמאָלט, מיינע ליבע פריינד, האָב איך געהאַט אויף מיינע פּלייצעס
אַן אייגענע מילכאָמע.
מיין שווארץ ווייב פון אינזל האָט זיך געקעצלט
און אין איין יאָר האָט זי מיר געבוירן
צוואַנציק קינדער,
וואָס זיינען געוואַקסן אויף הייוון און האָבן גלייך גענומען
שטעלן פיס—
די גאַנצע שווארצע מישפּאָכע איז מיר נאָכגעלאָפן פון אָרט צו אָרט.
און מיינע געדאַנקען זיינען נאָר געווען
אין דער קופּערנער שטאָט פּעטערבורג.
פּעטערבורג! די קופּערנע דעכער וואָס די זון האָט אויף
גאָלד אויסגעבאַקן.

פעטערבורג! וואו איך האָב צום ערשטן מאָל
אָנגעטראָפן דעם וואַנדערנדיקן אידן מיט דעם שווערן צייַלעם
אויף די פּלייצעס.
פּעטערבורג! די שטאָט וואו גאָט האָט געשניטן אַ בונד מיט
דעם טייוול.
פּעטערבורג! וואו מיידלאַך ווייזן פאַר אַ קאָפּיקע דעם הינטן
און וואו מיין שווערלייביקע נאַטאַשאַ
האָט געהונגערט נאָך מיר.
האָב איך אין אַ שיינעם העלן טאָג
אַנגעפליקט שלאָפקרייטאַכצער אין וואַלד,
און מיין ווייב מיט מיינע קינדער האָבן זיך צוגעכאַפּט און
איינגעבראָפּעט.
אַנגעזאָטלט האָב איך גלייך מיין פערד און אים אין אויער
אריינגעשריען דאָס צויבערוואָרט —
פּעטערבורג.
גיט ער בלויז איין שפּרונג און בלייבט שטיין
גאַנצע הונדערט מייל נאָך דער רוסנשטאָט.
נעם איך אים קערעווען אויף צוריק
גיט ער ווידער אַ שפּרונג
און בלייבט שטיין לעבן מיין שלאָפנדיקער מישפּאָכע.
זע איך אַז זיין שנעלקייט לאָזט זיך ניט צוימען,
האָב איך אים ווידער באַפוילן: פּעטערבורג,
און ערשט נאָך דעם שפּרונג בין איך אַרונטערגעקראָכן
און גענומען זיך שלעפּן מיט מיין פערדל
אויף צוריק די הונדערט מייל צופוס.
אָבער אינמיטן וועג האָב איך דערזען,
אַז פון מיין פערדס שנעלן שפּרונג
האָבן די הויזן ביי מיר געפּלאַצט,
און די שווערד האָט זיך נעבאַכדיק געבאָמבלט
אויף די צעריסענע פּליודערן.

און דאָ שטיי איך אינמיטן אַ וואַלד,
וואו נאָדל-פּאָדים וואַקסט ניט אויף די ביימער.
האָב איך פון אַ דינער צווייג זיך אויסגעשניצט אַ נאָדל
און דאָס אויערל פאַרפעדימט מיט אַביסל זונשטויב
און פאַרנייט מיינע בלויע מיליטערישע הויזן.
אַז עס איז צוגעפאַלן די נאַכט
האָבן מיר די הויזן גוט געדינט אין וועג —
די זון-שטעך האָבן געלויכטן ווי לאַמטערנעס
און דער וועג איז געווען ווי אויף אַ שליאַך פון דימענטן.
און שטעלט זיך פאָר, די נאַכט איז דאָרט אַזאַ כווישעכדיקע,
אַז די פינסטערניש האָט זיך איינגעגעסן אין מיין געזיכט
און עס פאַרשוואַרצט ווי איך וואָלט געווען אַ הינדוס.
אינדערפרי, אַז איך האָב זיך אין ערשטן וועסערל דערזען
האָב איך געמיינט איך בין איינער פון מיינע אייגענע קינדער,
וואָס די שוואַרצע קלעמפּע האָט מיר אָנגעפּלאָדיעט.
בין איך אַרוף אויף מיין פערד און אַ פייף געגעבן :
גרייט !
און אויסגעשריגן : אררט.
אַ שפּרונג — און איך האָב זיך געקייקלט
אין דעם אייביקן שניי,
ביז מיין פּאָנים האָט צוריק אויף זיך אַרויפגעצויגן
די אייגענע ווייסקייט.
אַ שפּרונג אַרונטער און איך בין מיט מיין צויבערפערד
געשטאַנען לעבן צאַרס פּאַלאַץ.
אַלע דינער זיינען געפאַלן צו דרערד
און איך האָב געשפּאַנט איבער זעכציק טויזנט קנעכט
צום בייזן צאַר.
אַז איך האָב געעפנט די טיר האָט דער צאַר אויסגערופן מיט
פרייד :

ווילקאָמען הער באַראָן !

און באַלד האָט ער מיר דערציילט די טרויעריקע בשורה,
אַז נאַטאַשאַ איז פון בענקשאַפט געשטאָרבן.
איך האָב פאַרגאָסן בלויז איין טרער,
ווי עס פאַסט פאַר אַ סאָלדאַט און געזאָגט:
איך קום צו דיר צאַר-פאָטערל וועגן אַ גרויסער זאַך.
די וועלט שימלט פון פרידן,
און די שווערד מיט דער ביקס זשאַווערן.
מען וואָלט באַדאַרפט אַביסל אַ קיצל טאָן דעם טערק,
און איך בין גרייט צו דיין דינסט.
זאָגט דער צאַר: מילכאָמע אָן אויסרייד?
זאָג איך: מיר וועלן צוטראַכטן אַן אויסרייד אין אַ האַלבער שאָ,
און דו האַלט גרייט דאָס מיליטער
פאַר דער מילכאָמע וואָס וועט באַלד פלאַקערן
און פאַרבן די וועלט מיט סאָלדאַטסקע געפילן.
בין איך מיט דעם צאַר גלייך אַוועק אין אַ שאַנדהויז,
און פון שאַנדהויז אין אַ קלויסטער,
און דאָרט האָבן מיר דעם טויבן פּאָפּ אָנגעזאָגט די בשורה
אַז עס קומט אַ נייע שלאַכט.

דער שיקער וואָס האָט געזונגען וועגן גאָטס באַרמהערציקייט,
האָט אַ שליידער געטאָן זיין גלאָז צו דער וואַנט
וואָס האָט זיך צעשפּריצט אין אַלע ווינקלען.
פאַרמאַך דעם פּיסק, באַראָן.
דיינע מייסעס פאַרמאָגן ניט קיין ברעקל פון גאָטס גענאָד
און זיינען פּוסטע זייפנבלאָזן.
גלייכער איז שוין צו לאַנגווײלן זיך מיט אייגן ווייב און קינדער
אין אָרימען הויז וואו גאָטס בענטשעניש גיסט זיך שטיל ווי הייליקער בוימל,

איידער צו הערן דיינע לײדיקע באַרימערייען.
דורכגעקראָכן ביסטו אַלעמאָל דאָס לעבל פון אַ נאָדל
מיט דער בלאַנקער שווערד פון ליגנעריי,
געבוינגן זיך, געקאַרטשעט פאַר מאַכט,
געגרויסט זיך קעגן די וואָס זיינען פון מיסט ניט דערהויבן.
און בלויז איינמאָל האָסטו געזען דאָס געשטאַלט
פון אייביקן אידן מיט דעם ציילעם-לאַסט.
וואָס האָסטו אים געזאָגט?
האָסטו געוויינט אויף גאָטס קלאָלע?
האָסטו אַליין געזוכט גאָטס פּאָנים?
דו וועסט באַלד אוועקפייגערן און אונז איבערלאָזן אַ ירושע
דיינע מייסעס וואָס מען וועט דערציילן אין יעדן הויז —
פאַרביקע ליגנס וואָס וועלן נאָך הונדערטער יאָרן פאַרווײלן,
און גאָטס עמעס וואָרט ליגט פאַרשעמט
און וואַלגערט זיך אין קויט.

איינער אַליין אין דער קנייפּע איז דער באַראָן פאַרבליבן
און פאַר זיך געברומט דאָס ליד פון פינצטערן פּאַיאַץ:

שטראָמען ליכט פליִיצן צויבער
אויף איין געזיכט.
ער אַליין פון זיי דערוויילט,
שטייט דערהויכט און זיי פאַרווײלט,
מיט אַלץ וואָס אין זיי
פּערלט, פרייִדיקט מיט לאַך און וויי;
ער ליגנערט, ליבט, לויבט, לעבט,
ער שטרויכלט, הויבט און פאַלט,
ער צאַפּלט וואָרט און צערטלט קלאַנג,
ער אויגט צום טרויער און פאַרוויגט מיט געזאַנג,
ער פאַרבט די וואָר מיט רויט און בלוי.

עס האָט געבליט אויף טאָג און דער הימל האָט זיך גערויטלט
בײַ די זוימען.
ער פאַרבט די וואַר מיט רויט און בלוי —
האָט ער איבערגעזונגען און זינגענדיק אַרויסגעשפּאַנט פון
דער קנייפּע.
וועשערינס זיינען געגאַנגען מיט פּעקלאַך גרעט צום טייך
און אים פריילאַך באַגריסט.
דער פּאַסטאַר איז געשטאַנען אויפן שוועל פון קלויסטער
און אַרײַנגעאָטעמט יונגע מאָרגנלופט.
דער באַראָן איז אַוועק אין וואַלד,
און בײַ אַ פּאַרוואָרלאָזט וואַלדהײַזל
האָט ער געכאַפּט דעם רויטן שפּין בײַ דער אַרבעט.
ווי ער האָט זיך אַ גליטש געטאָן אויף זײַן אייגענעם פּאָדים
און עס פאַרטשעפּעט ביים דעכל,
און זיך אַ וויג געטאָן אויף צוריק,
און פאַרפּלאָנטערט אַרום זיך
און ווידער אַרויסגעשפּיגן אַ נייעם פּאָדים.
טראָפּנס טוי זיינען געלעגן אויף אַ פּאַרטיקן שפּינוועב,
ערגעץ אַנדערש אויף אַ בוים,
און געפינקלט אין דער זון ווי אַ דיאַדעמע.
ער איז אַוועק צום בעיסאָקוואָרעם און הויך אויפן קאָל
געלייענט די מאַצייוועס
פון גוטע בירגער און זייערע פרויען
וואָס האָבן אָפּגעלעבט אַ לעבן אין שטעטל.
און צום הונדערטסטן מאָל האָט ער געלאַכט פון זיין וויץ
אַז אַפילע נאָך דעם טויט
ליגן זיי מיט די אייגענע ווייבער.
ער האָט אויפגעציטערט פון טריט און דערזען דעם פּאַסטאַר
לעבן זיך.
איר קוקט זיך אַרום, באַראָן, אויף מיין טויטער איידע,

האָט דער פּאַסטאָר באַמערקט מיט אַ שמייכל
וואָס האָט נאָך מער איינגערונצלט זיין אַלט געזיכט.
זיין שטים איז געווען טיף און קלאָר
ווי ער וואָלט ערשט אַרויסגערעדט דאָס ערשטע וואָרט
נאָך אַ שווייגנדיקער מאָרגנטפילע.
איך האָב שפּאַצירט מיט דעם ווערלדל און אייך אָנגעיאָגט.
קומט און מיר וועלן גיין צוזאַמען.
אין אַזאַ טאָג איז קדאַי צו רעדן וועגן גאָטס פּאָנים
וואָס אַנטפּלעקט זיך צו די וואָס זוכן אים,
אין די ערשטע בלויּלאַכע שאָען פון מאָרגן.
אָט דאָ, אויף דעם בעסאווילעם, אויף דעם סאָף פון אַלע וועגן,
טראַכט איך אַלעמאָל וועגן אַ נייעם אָנפאַנג, הער באַראָן.
איך גיי אַוועק פון דאַנען גאַנץ אָפט
באַיונגט און דערפרישט אין געדאַנק ווי אַן ערשטגעבוירן קינד.
„ער פאַרבט די וואָר מיט רויט און בלוי",
האָט זיך ביים באַראָן געפּלאָנטערט אין קאָפּ אַ שפּינוועב פון ווערטער.
און אויפן קאָל האָט ער אויסגערופן מיט אַ שניידנדיקער דרייסטקייט:
הער פּאַסטאָר, איז דאָס אייער עמעם?
קענן מיינע פינקלדיקע ווערטער שטעלט איר אַנטקעגן
אייערע רייד פון אַ נייעם געבורט
דאָ אויפן וועג, וואו אַלץ איז סאָף.
הער פּאַסטאָר, לאָמיר, ביידע ליגנער, גיין ווייטער
און צוזאַמען זוכן גאָטס פּאָנים.